# כרעטל

**חלק ב'**
אברהם הערש וועבערמאן

**אמעטיסט שטיין און טורקוויז שטיין**
משה ארי' שניצלער

**פרישע ליינס צוגעלייגט צו קול ברסלב**
קהילה נייעס

**רויטע מילך קומט צוריק**
אידישע נייעס

## אכצן מאל
## הדרן עלך

15 סיומים אין ש"ס | **18 חברותות טעגליך אינעם דף גמרא** | פון וואו נעמט ער די מאטיוואציע און שטופ דערצו | לכבוד דעם גרויסארטיגן סיום מסכת זבחים וואס אלע האבן יעצט געפראוועט, זעצן מיר זיך אראפ מיט **מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו** הערן פון אים אליין זיין פערזענליכע געשיכטע וואו דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן



## היסטאריע
## פון ווילנא ש"ס

**דין תורה פון סלאוויטא דרוק מיט משפחת מן** | וואס האט רבי עקיבא איגר געהאלטן איבערדדעם | **די סוף פון איינער וואס טוט ווי אן ערליכער איד** | ליינט מער באריכות ביים אפטיילונג פון א מעשה פון א צדיק.

פרשת בא
תשפ"ו

**נומער**
**299**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **06** | קול הברה |
| **08** | וועלטליכע נייעס |
| **10** | קהילה נייעס |
| **12** | אלט און אלטמען |
| **13** | א ווארט צוויי |
| **14** | מעשיות פון תפילה |
| **15** | היכל הלכה |
| **17** | עידנו |
| **22** | געדאנקען |
| **28** | הדרן עלך |
| **35** | געשעענישן |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938



מיט גרויס פריידן טוען מיר
וואונטשן פאר אונזער טייערע
חבר און שטענדיגע תומך

# מו"ה
# אברהם
# טיקאלסקי
# הי"ו
# וזוגתו
# תחי'

## א ברכת
## מזל טוב

לרגל שמחת
הולדת הבת
למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן
איר זאלט זען אסאך אידיש נחת
פון אלע אייערע קינדער
געזונטערהייט.

די ישועות קוואל איז אפן:

רופט
דער
גבאי

347
466
2410

מוסדות
היכל הקודש
בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות
ר' מאיר

*sruliHeskel

# שער בלאט

## חלק ב

מ

עכי וואו גיימיר היינט פארברענגען?"

"איך טראכט אז היינט וועלן מיר גיין ערגעץ מער פון געווענטליך, געגוג געווען מיט די קליינע פאן, היינט וויל איך גיין דרייוון א פליגער".

"אשי ביזט אויפן קאפ געפאלן? ס'קוקט דיר אויס ווי מ'קען ארייגגיין צו א קאר רענטל און דינגען א פליגער?"

"מעכי, איך וועל דיר ווייזן וואס איך קען, איך בין טויגליך".

אשי האט זיך גענומען אין די הענט אריין, ער מוז ווייזן פאר מעכי אז ער נישט א קטלא קניא - עפעס א שוואכלינג, גענוג געווען אלע קינדער יארן וואס מ'האט מיר אראפגעקלאפט אלס א נארעלע, יעצט וועל איך ווייזן וואס איך קען.

אשי האט אנגערופן זיין חבר יענקי - וואס ער האט א חבר חזקי, וואס האט א פעטער וואס ווייסט פון איינעם וואס האט שוין אמאל געדרייווט א קליינעם פליגער - אז ער זאל אים ערלעדיגן א רייד אויף א פליגער פון ניו יארק קיין פלארידע.

ס'האט אים גענומען אביסל צייט, אבער ער האט דאס באוויזן. ער האט אנגערופן מעכי פארציילן די פריילליכע בשורה אז קומענדיגן מאנטאג אינדערפרי ניין אזייגער, זאל ער זיין גרייט אין עירפארט, זיי האבן א דרייווער, און פלאץ פאר צוויי מענטשן. ס'גייט זיין מורא'דיג, פון ווען די וועלט האט נאר געהערט פון טשילן, איז נאכנישט פארגעקומען אזא געטשילאכטס.

אשי קען שוין נישט שלאפן רואיג, ער איז מלא שמחה אויף דעם געוואלדיגן געלעגנהייט וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג, ס'איז נישט קיין פשוטע זאך, ער גייט מאכן א לעעעבבבבןןן.

מאנטאג אינדערפרי, אשי וועקט זיך אויף, לויפט קויפן עפעס (פארגרעסט ליידער צו דאווענען, וויל בעצם דאווענט ער יעדן טאג מיט מנין, נאר היינט איז ער אן אונס, ער מוז גיין טשילן...) ער לאזט זיך ארויס מיט מעכי אויפן וועג צום עירפארט.

מ'קומט אן צייטליך ברוך השם, מ'מאכט זיך באקוועם אויפן פליגער, און אט אט לאזט מען זיך ארויס.

אינמיטן פאלט איין א ווילדן געדאנק פאר אשי אז אפשר קען ער גאר דרייוון דעם פליגער, ער טראכט צו זיך 'אשי, זיי נישט נאריש, טראכט נישט קיין נארישקייטן, דו קענסט נישט דרייוון קיין פליגער'. אבער וויפיל ער פרובירט נאר אוועקצושטיפן דעם געדאנק, ווערט עס נאר שטערקער און שטערקער, ער וויל דרייוון א פליגער, און יעצט איז די צייט פאר דעם.

בשעת דער דרייווער איז געשטאנען אינדרויסן איבערקוקן פון אלע זייטן אויב עס איז נישט דא קיין פראבלעמען מיטן פליגער, האט אשי גענומען די קוראזש, זיך ארייגעזעצט אינעם פילאט זיץ, און מ'גייט דרייוון, מ'גייט זיך ארויסלאזן.

ס'איז א גוטע וויך ביז ס'קומט למעשה, וויאזוי פארט א פליגער, ס'איז דאך אינגאנצן אנדערש פון א קאר?

אינמיטן באמערקט ער דארט א ביכל וואס ווייזט פונקטליכע אינסטרוקציעס וויאזוי צו פירן א פליגער סטעפ ביי סטעפ.

ער קוקט אריין אינעם ביכל און ער זעט אז ער פארשטייט וואס דארט שטייט. די ערשטע זאך דארף מען דרוקן דעם

אברהם הערש וועבערמאן

געוויסן קנעפל. ער געבט א דרוק און עס ארבעט. געגאנגען ווייטער. די צווייטע: דרוקט דעם אן אנדערן קנעפל. אזוי האט ער געפאלגט יעדע סעיף אינעם ביכל, און די פליגער פארט, ס'רוקט זיך אויפן ראנוועי. ער גלייבט ממש נישט וואס דא קומט פאר, ער דרייווט א פליגער.

פון די שפיגל זעט ער שוין אז די פילאט הייבט אן נאכלויפן דעם פליגער, אבער ער קוקט נישט אויף דעם, ער פארט.

ער גייט נאך יעדע זאך פונעם ביכל, און יא ער טרעפט זיך אויבן העכער די וואלקענעס.

מעכי זיצט אין די זייט פארפרוירן פאר שרעק, ער קען נישט ארויסרעדן אווארט פון גרויס פחד אז ער זיצט יעצט אויף א פליגער מיט א פילאט וואס דרייווט יעצט צום ערשטן מאל און ווייסט נישט פון זיין לעבן צו זאגן, אבער ער קען שוין יעצט גארנישט טון.

אזוי נאכן פארן א האלבע שעה האבן אשי און מעכי שוין געפילט באקוועם אז אלעס איז פיין, זיי האבן די רעדל אין די האנט, ס'פארט אויף די ריכטיגע רעלסן.

מ'איז אנגעקומען נענטער ווען מ'האט געדארפט לאנדן, געבט אשי א קוק אריין אינעם ביכל צו זען וויאזוי מ'לאזט זיך אראפ, זעט ער אז ס'שטייט אינעם ביכל "פאר ווייטערדיגע אינסטראקציעס קוק אינעם ביכל חלק ב'"....

ס'ווערט אים שווארץ פאר די אויגן, וואו האב איך יעצט ביכל חלק ב'. ער הייבט אן איבערדרייען דעם פילאט שטיבל צו טרעפן חלק ב', אבער ס'איז נישט דא... "מעכי, מ'בלייבט דא העכער די וואלקענעס, איך זע נישט קיין וועג ארויס".

"אשי איך ווארן דיר! וואס האסטו געטון מיט מיר, איך האב געוויסט אז דאס וועט זיך נישט גוט ענדיגן, איך וואלט דיר נישט געדארפט טראסטן פון די ערשטע רגע!".

אזוי זעט עס אויס ווען א מענטש ווייסט נאר וויאזוי מ'פארט ארויף און מ'זיצט אויבן, די לעבן פארט געשמאק, איך האב א גוטע ווייב, איך האב קינדער, נחת פון די קינדער, א גוטע פרנסה, איך פלי מיך אזוי רואיג און באקוועם אין מיין וועלטעלע. איך דאוון מיט מנין יעדן טאג, איך לערן אכצן פרקים משניות.

ביז... ער דארף איין טאג לאנדן, אבער קיינער האט אים נישט אויסגעלערנט וויאזוי מ'טוט דאס, מ'האט אים נישט געזאגט חלק ב' פונעם לעבן. וואס טוט איך ווען מיין ווייב איז נישט אין א גוטע גוסטע. מיין בעל הבית האט מיר אוועקגעשיקט פון די ארבעט. די גראסערי לאזט שוין נישט אויפשרייבן. מיין חבר האט מיר פארשעמט אין בית המדרש. היינט קען איך נישט לערנען אזוי ווי יעדן טאג. איך בין סטאק דא אויבן מיט חלק א'.

די אינפארמאציע פון חלק ב' ליגט ביים צדיק, ער וועט דיר ווייזן דעם וועג וואס מ'טוט דעמאלט אין אזא פאל, מיש אויף א קונטרס עצתו אמונה וועסטו דארט טרעפן פונקטליכע אינפארמאציע פאר חלק ב' פונעם לעבן.

דאס איז וואס מ'לערנט אויס אין ברסלב'ע חדר - אזוי ווי עס ווערט ברייט באשריבן ביי די קהילה נייעס, און דאס איז וואס מ'הערט אויף קול ברסלב - וואס ווערט געשריבן ביי די נייעס.

און אויף דעם דרייט זיך אלע ארטיקלען, אינטערוויוס און מעשיות, וואס ווערט באשריבן אינעם בלעטל, נעם דעם הייליגן רבי'ן פאר א מורה דרך, ער זאל דיר ווייזן דעם וועג וואס מ'טוט ווען מ'טרעפט זיך ביי חלק ב' פונעם לעבן, און אזוי וועסטו נישט אויסזען ווי אשי און מעכי וואס ווארטן נאך דארט העכער די וואלקענעס איינער זאל זיי קומען אראפנעמען.

מיר דארפן טאנצן און שפרינגען יעדן איינציגן טאג אז מיר זענען דא ביי אזא הייליגע פלאץ וואס מ'לערנט אונז אויס די וועג וויאזוי דורכצוגיין געשמאק דעם גאנצן לעבן.

דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו "**ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים ואת אתתי אשר שמתי בם וידעתם כי אני ד'**" געב איבער פאר דיינע קינדער און אייניקלעך די ניסים וואס איך האט געטון אין מצרים, דאס האלט מען נישט ביי זיך, דאס געט מען איבער פאר אלע דורות ווייטער, זיי זאלן אויך זיין אנגעקניפט אין אזא הייליגע פלאץ וואס מ'חזר'ט אמונה יעדן איינציגן טאג אן א אויסנאם.

*וידעתם כי אני השם*

# קול הַבָּרָה

בריוו פון ליינער
צום בלעטל
פאסטן קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

## א פארגעניגן

לכבוד די חשובע בלעטל רעדאקציע.

שכח! שכח פאר די הערליכע בלעטל. אפילו אונזער קליין יעריגע אינגל פרעגט: מאמי, וואו די בלעטל? מאמי דארפסט די בלעטל? אלע האבן ספעציעל הנאה פון דעם די גאנצע משפחה פון קליין ביז גרויס.

א באזונדערע דאנק פאר די הערליכע באשרייבונגען פון ש. טראכטער - איר זענט א ספעציעלע טעראפיסט! אבער איר מאכט א פארקערטע ארבעט, אנשטאט צו אויסהערן יעדן איינעם'ס עבר און הווה... שרייבט איר עס שוין פאראויס און יעדער איינער טרעפט זיך דארט און ווערט געשטארקט מיט די פילע חיזוק וואס איר לייגט דארט אריין.

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטן, אייך און אייערע דורות זאלן שטענדיג נאכגיין ערליכע צדיקים.

א באזונדערע ישר כח פאר ש. שטיינבערג, די קינדער קענען קויםווארטן יעדע וואך עקסטער אויף אייערע זיסע מעשיות מיט די שיינע בילדער פון די מענטשערליך!

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעם גוטן.

***מ. יוזשעף***

## האסט מיר מחי' געווען

איך בין א בחור אין די צוואנציגער יארן, איך לערן אין א ישיבה ספעציעל פאר בחורים אין דעם יארגאנג.

איין טאג האט איינער געברענגט אין ישיבה ברסלב'ע גליונות, און אויך איז מיטגעקומען איין בלעטל אויסגאבע, די הערליין אויפן דעקל איז געווען "101 אומזיסטע חתונה אין ישיבה". דאס האט מיר גלייך געצויגן צו ליינען.

איך האב מיך צוגעכאפט צו דעם ווי א הונגעריגער כאפט זיך צו, צו א גוט שטיקל פלייש. איך האב געטראכט צו מיר מיט ווייטאג 'הלוואי באלאנג איך צו די קהילה, איך וואלט שוין לאנג געווען חתונה געהאט, און געהאלטן שוין נאך די אלע פראבלעמען וואס א בחור טראגט מיט זיך'.

איך האב מיך ממש געשטיקט פון טרערן אויף מיין מצב וואו איך געפין זיך, איך ווייס נישט צו איר וועט דאס פארשטיין, ווייל איר זענט שוין נישט אין דעם מצב, אבער א בחור פארשטייט גאר גוט וואס איך רעד.

אבער פון די אנדערע זייט האב איך געהאט אסאך התחזקות, נאכן ליינען אלע ארטיקלען, בריוון און מעשיות פון תפילה. איך האב אויפגעפאסט אז דער אייבערשטער האט מיר אויך ליב, יא אין דעם מצב וואו איך געפין זיך, האט דער אייבערשטער בכלל נישט פארגעסן פון מיר, ער גייט מיר זיכער העלפן טרעפן א גוטן שידוך.

און ועל כולם בין איך געוואר געווארן פון די ברסלב'ע גליונות אז איך קען עפענען מיין מול און רעדן צום אייבערשטן אויף מיין פשוטע שפראך, אים בעטן פאר א גוטע שידוך בקרוב.

איך מוז אייך זאגן אז איר האט מיר ממש מחי' געווען מיטן בלעטל, איך בעט אייך גייט ווייטער אן, און זייט מחי' טויזנטער אידישע קינדער וואס ווארטן אויף אמת'ע ריינע דיבורים.

אינטערעסאנט אנצומערקן, אז אמאל ווען איינער האט אראפגעלייגט א ברסלב'ע גליון האב איך געקענט זען ווי א בחור'ל נעמט עס און צורייסט עס נעבעך, היינט ווען איך בין שוין עלטער, איך און מיינע חברים בדומה לו זעען שוין אביסל וואס די וועלט איז, טראכט מען אפילו נישט פון אזא זאך צו גיין צורייסן א ברסלב'ע גליון, אדער קונטרס, אדרבה דאס איז מיין גאנצע חיות, דאס איז דאך די איינציגסטע גליון וואס רעדט צו מיין הארץ.

***א עלטערע בחור וואס ווארט אויף א ישועה***

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן

# מזל טוב

פאר אונזער חשובער חבר וואס
שטייט אונז צו די רעכטע

## מו"ה **אברהם טיקאלסקי** הי"ו
**וזוגתו תחי'**

לרגל שמחת הולדת הבת למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט זען אסאך
אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער געזונטערהייט.

*sruliHeskel

# וועלטעלע




## רויטע מילך קומט צוריק צו די חדרים און שולעס

די וואך האט זיך געטוישט א רעגולאציע וואס קען שטארק בענעפיטירן די קינדער. די רעגירונג האט געטוישט די פאליסי. שולעס זענען פון יעצט ערלויבט צו סערווירן פאר די קינדער אויך די באליבטע רויטע מילך, אנשטאט וואס מען האט ביז יעצט נאר געמעגט געבן בלויע און גרינע.

א סך יארן איז געווען די אנגענומענע מיינונג אין די רעגירונג קארידארן צו בעפארצוגן א נידריגע פעט דייעט, און דערפאר האבן זיי ערלויבט צום מערסטנס די בלויע 1% מילך.

אבער מיט די יארן האט די מציאות געוויזן אז דאס טויג נישט. מלמדים און טיטשערס האבן געזען אז קינדער טרינקען פשוט נישט די בלויע מילך, און עס שטעלט נישט צו די וויכטיגע נוטרישאנס וואס די קינדער דארפן האבן. עס האט גורם געווען צו אסאך בל תשחית. גאנצע באקסעס פון מילך זענען געגאנגען לאיבוד פשוט ווייל קיינער האט עס נישט געטרונקען.

צוביסלעך זענען די קאמפלעינס אנגעקומען צו דער רעגירונג, וואס האט ארויפגעברענגט זארגן אז קינדער פארפאסן וויכטיגע נוטריענטס וואס זיי האבן געוואלט די קינדער זאלן באקומען דורך טרינקען מילך, ווי פראטין, קאלציום, און פארשידענע וויטאמינען.

פון די אנדערע זייט האבן געזונט מומחים אנגעהויבן איינצוזען אז די נידריגע פעט דיעט איז נישט אינגאנצן ריכטיג. פעטנס וואס קומען פון בעלי חיים ווי פון פלייש און מילך זענען אויפגעוויזן געווארן אז זיי הייבן נישט קיין קאלעסטראל, און זענען נישט דער גורם פאר די איבערוואגיגקייט, וואס מען האט געוואלט ארויפלייגן אויף די פעטנס.

אויב מיינסטו אז מיט'ן געבן פעטע מילך וועט שוין דיין קינד אויסוואקסן געזונט און שטארק, קען זיין אז בגשמיות איז עס א גוטע זאך, און מען דארף דאנקען דעם איבערשטן אז אונזערע קינדער באקומען געשמאקע גוטע און כשר'ע מאכלים אין די חדרים און אין די סקולס; אבער דאס קען נישט באמת געבן פאר א קינד די וויכטיגסטע נוטריענטס וואס ער דארף האבן צום לעבן

א קינד דארף האבן גוטע ווערטער צו קענען אויפוואקסן געזונט. ער דארף הערן "דו קענסט", ער דארף הערן "ביסט גוט", ער דארף שפירן ווי מען גלייבט אין אים און מען דארף אים לאזן אויפוואקסן. א קינד וואס מען נעמט אים צו די געזונטע פעטנס, די ווארימע גוטע ווערטער, קען ליידן שפעטער פון קאלעסטראל, פון בלוט דרוק, ער וועסט נישט פארוואס אלעס דרוקט אים, אלעס טוט אים וויי. דאס איז ווייל ער איז נישט זיכער מיט זיך, ער האט מורא פון זיין אייגענעם שאטן.

בשעת די קינדער זיצן אין חדר, און זיי טרינקען פון די גרינע, בלויע אדער רויטע מילך, געבן די טייערע מלמדים און טיטשערס אריין אין די קינדער א גוטע דאזע פון נוטרישן. די קינדער הערן א מעשה פון א צדיק, וואס איז דורכגעגאנגען שווערע נסיונות, אבער ער האט זיך דערהאלטן, ער האט נישט אפגעלאזט דעם אייבערשטן. זיי הערן פון די מלמדים ווי יעדער איד קען אנהייבן פון פריש, און ווי דער אויבערשטער האט ליב יעדן קינד. דאס איז וואס געבט זיי אמת'ע לעבן.

*ולבן שינים מחלב*

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

גרשון קרעמער



# גאווערנאר האוקל שטעלט פאר אירע פלענער פאר ניו יארק

אלבאני, ניו יארק. - ווי יערליך, האט די ניו יארק סטעיט גאווערנאר נעכטן געגעבן איר "סטעיט אוו די סטעיט" דרשה, וואו די גאווערנארס האבן די געלעגנהייט ארויסצולייגן זייערע פלענער און אגענדעס וואס זיי פלאנען צו טון אינעם קומענדיגן יאר.

לאמיר אראפברענגען נושאים וואס איז נוגע פאר אונז. איינס פון די הויפט טעמעס ביי די רעדע איז געווען "עפארדעביליטי". היינט איז אין סטייל צו רעדן פון עפארדעביליטי. די מעיאר וואלן אין ניו יארק האבן געוויזן אז דער עולם וויל הערן דאסווארט "עפארדעביליטי". און אפילו טראמפ איז שוין ארויפגעטאנצן אויף דעם עפארדעביליטי וואגן.

צוערשט האט זי פארגעשלאגן אומזיסטע טשיילד קעיר פאר יעדן. זי וויל אז יעדעס קינד אין ניו יארק סטעיט זאל ביז צוויי יאר ארום האבן אומזיסטע צוטריט צו טשיילד קעיר, קינדער פון צוויי ביז דריי יאר, נישט קיין חילוק צי מ'ארבעט צי נישט.

די קומענדיגע זאך אונטערן פאן פון "עפארדעביליטי" איז פרייזן פון עלעקטריציטעט און ענערגיע. זי זאגט אז זי גייט טון פארשידענע פעולות צו מאכן ביליגער גאז און עלעקטריק בילס.

די אלע זאכן קענען האבן א שטארק פאזיטיווע עפעקט אויפן היימישן עולם, און נישט פארגעסן אז די גאווערנאר איז נישט די וואס איז קובע, דער אייבערשטער איז קובע וואס גייט זיין.

"לאז זיי בויען" - די קומענדיגע זאך אויף דער רייע איז א טעמע וואס די היימישע ציבור האט אסאך געליטן דערפון, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל מצליח זיין. די גאווערנאר האט עס גערופן מיט'ן שיינעם קלינגענדיגן סלאגאן "לאז זיי בויען", און דערמיט וויל זי שניידן "רעד טעיפ" ביים בויען. זי וויל עלימינירן די פילע שיכטן פון ביוראקראטיע און רעגולאציעס וואס שטערן פון בויען הייזער, בויען מוסדות, בויען ביזנעסער. זי האט עס אפגערופן מיטן נאמען "לאז זיי בויען".

דערנאך האט זי גערעדט איבער פובליק סעיפטי, געבן מער געלט פאר פאליציי, פארשטארקן די זיכערהייט. מיר ווייסן אז "אִם ה' לֹא יִשְׁמָר עִיר שָׁוְא שָׁקַד שׁוֹמֵר", די גאווערנאר היט אונז נישט, די פאליציי היט אונז נישט, דער אייבערשטער איז דער שומר ישראל.

אויך האט זי אביסל אנגערירט רעליגיעזע רעכטן. זי וויל מאכן א געזעץ אז מ'זאל נישט מעגן פראטעסטירן ארום שולן און מוסדות, אזוי אויך וויל זי מאכן גרינגער צו קלאגן די רעגירונג אויב זיי פארלעצן איינעמ'ס רעליגיעזע רעכטן.

נו, וואס זאגט איר? געפעלן אייך די פלענער? דאן בעטס דעם אייבערשטן אז עס זאל דורכגעפירט ווערן, דער אייבערשטער איז דער וואס פירט די וועלט, קיינער אנדערש נישט.

"רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום". מיר ווייסן אז אלע פלענער וואס זיי זאגן איז סתם אבי גערעדט, עס איז בלויז צו מאכן אן איינדרוק כאילו זיי טוען און זיי מאכן, און באמת איז עס בלויז א פאליטישע זאך.

***אין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה***

# קהילה נייעס



## פרישע ליינס צוגעלייגט צו קול ברסלב

מען דארף נישט זאגן פאר אנשי שלומינו וואס קול ברסלב איז. בפרט נאכן האבן דעם הערליכן אינטערוויו פארגאנגענעם וואך מיטן אנפירער מו"ה משה יודא עקשטיין הי"ו. קול ברסלב איז פון די גרעסטע הפצה אפאראטן וואס גייט אן אין די קהלה.

די האטליין איז געעפנט געווארן מיט בערך צוואנציג יאר צוריק דורך תלמידי מוהרא"ש זי"ע, צוערשט מיט'ן ציל צו קענען מיטהאלטן הוק אפס פון מוהרא"ש'ס שיעורים פאר ווער עס איז נישט אנגעקומען צום שיעור.

אביסל שפעטער האט מען צוגעלייגט א רעקארדינג איבערצוהערן דעם לעצטן שיעור. דאן פלעגט די ליין האבן גאנצע 2 קנעפלעך: 1 פאר "לייוו הוק אפ", און 2 צו "הערן די לעצטע שיעור".

מוהרא"ש זי"ע פלעגט אלץ ווארטן ביי די שיעורים און זיכער געמאכט אז דער הוק אפ טעלעפאן איז אנגעצינדן בעפאר ער האט אנגעהויבן דעם שיעור.

אין אנפאנג פלעגט מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו עס אנפירן. פאר גאר א לאנגע תקופה שפעטער פלעגט עס דער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א אנפירן. אונטער אים האט זיך די טעלעפאן ליניע גאר שטארק פארברייטערט, מיט גאר אסאך פרישע קנעפלעך.

צום לעצט איז עס אריבער צו מו"ה משה עקשטיין הי"ו וועלכער האט עס נאך גאר שטארק בארייכערט מיט נאך אסאך געשמאקע און אינהאלטפולע פראגראמען און אפטיילונגען.

די טעלעפאן ליניע ווערט אויסגעהאלטן פינאנציעל דורך דעם אלעמען באקאנטן "בית הדפוס" וואס איז דער אדרעס וואס שטייט צו די האנט פאר יעדע סארט הפצה וואס איז שייך.

היינט זענען דא גאר אסאך אפציעס און קנעפלעך וואס מ'קען הערן. און יעדער קען טרעפן עפעס וואס רעדט צו אים, א קנעפל וואס דערמאנט אים אז דער אייבערשטער איז מיט אים, א שיעור וואס וועקט אים אויף פון שלאף.

צווישן די גאר פאפולערע קנעפלעך געפינען זיך: טעגליכע חיזוק, עניני דיומא, שיעורי תורה (שיעורים אין בבלי, משניות, נ"ך, ירושלמי, רמב"ם, שו"ע, ליקוטי מוהר"ן, הלכה, שיעורים מיטצוזאגן, ספר המידות), שמועסן און אנאליזן (פערזענליכע מעשיות פון הפצה און תפלה, אינהאלטסרייכע אינטערוויוס, חמין במוצאי שבת פראגראם, וואס טוט זיך אין חדר, א איבערבליק מיט די ברסלב'ע ברידער, שבתים ביים ראש ישיבה, הנהלה אפדעיטס, קרעמל, חידוש אויף די פרשה, אינוועסטמענט ווינקל).

קינדער ווינקל (קינדער רייד, טעגליכע מעשה, סיפורי צדיקים, מעשיות פון תפלה, מעשיות מיט ניגונים, מעשיות מיט ספר המדות, ימים טובים, קרית ברסלב בלעטל, לאנטש אין חדר, אומאן פראגראם), היכל נגינה (מוזיק אלבומס, גראמען, לעבעדיגע ניגונים, נוסח התפלה, ספירה ניגונים) און נאך פיל.

מען הערט ב"ה כסדר צוריק גאר גוטע גריסן פון אידן פון איבער די גאנצע וועלט וועלכע לאזן איבער מעסעדזשעס ווי זיי זענען זיך מחיה מיט די שיעורים, און ווי עס האט זיי געשטעלט אויף די פיס.

אבער צוליב די גרויסע נאכפראגע האט זיך געקענט מאכן די לעצטע צייט אז ווען מען האט אריינגערופן האט מען באקומען א מעסעדזש "Max Line Reached", דער ליניע האט דערגרייכט די מאקסימום מענטשן וואס קענען אריינרופן אויף איינמאל. בפרט האט זיך עס געמאכט ליל שישי ווען הונדערטער אידן ווילן אויסהערן די לייוו הוק אפ שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אין די זעלבע צייט.

דערפאר האט דער קרן הדפסה באשלאסן אויסצוברייטערן דעם ליין, און געקויפט גאר אסאך פרישע ליינס. מען האט פארברייטערט דעם צאל ליניעס מיט פינף און צוואנציג פראצענט. אבער מ'האפט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז ס'זאל "נישט" זיין גענוג, און מען זאל גאר שנעל זען אז מען קען שוין ווייטער נישט צוקומען, און דאן וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צולייגן פרישע ליינס, וויפיל עס וועט אויספעלן.

דער ליין ווערט אנגעפירט און אנגעפילט דורך צענדליגע אינגעלייט וואלונטירן. יעדער וויל נעמען א חלק אין די גרויסע הפצה; איינער איז מגיה די אינטערוויוס, א צווייטער לייגט אריין די שיעורים, עטליכע מאכן אינטערוויוס, שמועסן און פראגראמען, און אזוי ווייטער.

דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן אז אלע וואס האבן א חלק אין מחזק זיין אידישע קינדער, זיי דערמאנען אז אויך זיי קענען תשובה טון, וועלן זען ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם.



## תלמוד תורה קרית יואל גייט אויף אן אויספלוג לכבוד א סיום

די קינדער פון די קרית יואל'ער חדר זענען געווען זייער פרייליך אז זיי האבן זוכה געווען צו מאכן נאך א סיום.

יעדן טאג לערנען די געטרייע מלמדים מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א און מו"ה לוי יצחק ווערטהיימער שליט"א מיט די קינדער פלייסיג חומש, משניות, גמרא. דאס אלעס לערנט מען מיט א שמחה. מען האט די זכי' צו לערנען די הייליגע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן.

צו דעם לערנט מען דעם הייליגן רבינ'ס ספר "ספר המדות", אויף וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "דער ספר האט מיר געמאכט פאר א איד". דער ספר איז פול מיט דברי מוסר, זיסע עצות, און חיזוק אויף עבודת ה'. יעדן טאג לערנט מען איין שטיקל און די מלמדים ברענגען עס אראפ לעבעדיג אויף א וועג אז די קינדער זאלן עס קענען נעמען אויף למעשה טאג-טעגליך.

יעצט ווען מען האט געענדיגט נאך אן אות אינעם ספר, זענען די קינדער באלוינט געווארן מיט א שפאציר צום וואסער.

די מלמדים האבן ערקלערט פאר די קינדער אז דער הייליגער רבי זאגט אז ביים וואסער איז זייער א גוטער פלאץ צו בענקען צום אייבערשטן, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט אז ווען דער אייבערשטער האט צוטיילט די וואסערן, האבן די אונטערשטע וואסערן געוויינט צום אייבערשטן "אנן בעינן למהוי קדם מלכא קדישא" - מיר ווילן זיין נאנט צום אייבערשטן.

רופט זיך אן איינע פון די טייערע קינדער צום מלמד, "וואס הייסט די אונטערשטע וואסערן וויינען ווייל זיי ווילן זיין אויבן? לגבי דעם אייבערשטן וואס מיינט אונטן און אויבן? דער אייבערשטער איז דאך איבעראל, כבודו מלא עולם, לית אתר פנוי מיניה."

עס איז א נחת צו הערן די קשיות פון די קינדער וועלכע וואקסן אויף מיט אזא ריינע און קלארע אמונה, וואס דאס וועט זיי באגלייטן זייער גאנצע לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז אלע טייערע קינדער זאלן אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן, זיי זאלן געדענקען די הייליגע לימודים אויף די גאנצע לעבן, ווען זיי וועלן שוין זיין גרויסע טאטעס זאל די אמונה און די התחזקות צו מצוות ליגן אין די ביינער.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## סאטעלייט

שאלה

מ'הערט אסאך מאל רעדן איבער סאטעליטן וואס איז דא אויבן אויף די הויכע ספערן. וויאזוי ארבעטן סאטעליטן, און וואס האבן מיר דערפון דא אויף דער וועלט?

אליעזר שלמה טייטלבוים

## ענטפער

דו פרעגסט זייער גוט, אליעזר שלמה'לע. דו פרעגסט וויאזוי סאטעליטן ארבעטן? סאטעליטן זענען מאשינען וואס דרייען זיך ארום די וועלט זייער הויך אין ספעיס. כאטש זיי זענען זייער ווייט, האבן זיי ספעציעלע כלים וואס העלפן זיי צו זען און באמערקן זאכן וואס טוען זיך אויף דער וועלט.

עס זענען דא פארשידענע סאטעליטן וואס טוען אנדערע אויפגאבעס. טייל זענען באשטימט צו נעמען בילדער, פונקט ווי א קאמערע, אבער פארשטייט זיך אסאך שטארקער. זיי קענען זען אסאך ווייטער.

אנדערע נעמען בכלל נישט קיין בילדער - זיי מעסטן אנדערע זאכן ווי היץ, ליכטיגקייט, זאכן וואס רוקן זיך, ראדיא סיגנאלן.

למשל, איין סאטעליט קען מעסטן ווי ווארעם די אקעאנען זענען, בשעת א צווייטע קען אויפכאפן וואו וואלקנעס זענען און וואו זיי גייען, און אזוי ווייטער.

די סעטעלייטס שיקן דערנאך אריבער די אינפארמאציע אראפ צו דער וועלט מיט ראדיא סיגנאלן, עפעס אזוי ווי א טעלעפאן, צו די סטאנציעס אויף דער וועלט, וועלכע ווערן אפגעליינט דורך די ארבעטערס.

אלעס וואס מיר טוען דא ווערט אפגעכאפט, אפילו אינעווייניג אין שטוב, וואו דער סאטעליט קען נישט זען. יעדע פיצלע מצווה'לע וואס דו טוסט, יעדעס מאל וואס דו פאלגסט דיין טאטע-מאמע, ווערט אפגעכאפט. ווען דו וואלסט געוואוסט ווי ס'ווערט אפגעכאפט יעדע קלייניקייט, וואלסטו עס געטון מיט א מורא'דיגע שמחה.

ווען אהרן הכהן וואלט געוואוסט אז די תורה וועט שרייבן "וראך ושמח בלבו", עס שטייט "וישק לו", ווען ער האט געטראפן משה רבינו נאך אכציג יאר נישט זען, זאגט דער מדרש, ווען ער וואלט געוואוסט אז עס וועט אזוי שטיין אין די תורה, וואלט ער געברענגט א גאנצע בענד מיט פויקן און טראמפייטערס.

אבער עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז נישט נאר יעדע עבירה ווערט פארשריבן, דאס איז אויך אמת, אויך יעדע מצוה'לע ווערט פארשריבן, יעדע שיינע זאך.

ווען א איד ווייסט אז יעדע מצוה'לע ווערט פארשריבן, טוט מען עס גאר געשמאק.

האסט איר א שאלה?
שיקט צו: 845-445-7447 – alemen@bletelmagazine.com

# א ווארט צוויי

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלעך

בערל שניצלער •

avorttzvei@bletelmagazine.com שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו

## מוהרא"ש זי"ע

"אין אונזער דור האבן מיר זוכה געווען צו מוהרא"ש וואס האט אראפגעברענגט אזא ליכטיגקייט, אזא גילוי אלקות, אז אפילו מיר פשוט'ע מענטשן, אפילו מיר וואס מיר זענען אזוי פארגרעבט - זאלן אויך שפירן דעם אייבערשטן, מיר זאלן שפירן די זיסע טעם, די געשמאקע טעם - פון שפירן דעם אייבערשטן אין יעדע זאך."

**– טעראפי גליון פרשת בא תשפ"ו**

## אדער אדער

"איך האב מיך אויפגעוועקט פון שלאף פארלאפענע וואך ווען דער ראש ישיבה האט אריינגעווארפן אינמיטן די שיעור פאר די בחורים: "ס'איז שובבי"ם, מ'דארף פאסטן, אלע ערליכע אידן פאסטן, פארוואס פאסטו נישט? ווייל אין ברסלב האט דער רבי געזאגט נישט פאסטן? דארפסטו דאך זאגן ח"י פרקים משניות מיט דעם יום תהלים, אז דו זאגסט נישט משניות, דו זאגסט נישט קיין תהלים - דארפסטו אנהייבן פאסטן, ס'איז שובבי"ם!..."

**– פון די מקשיבי השיעור**

## ואלה שמות

"לעצטנס וויל איך זייער שטארק זאגן שמות הצדיקים, אבער איך קום ממש נישט אן, פריי איך זיך יעדעס מאל איך קום אריין אין כתה און איך קען נאכאמאל זאגן שמות הצדיקים: "גוט מארגן שלומי, גוט מארגן יואליש, גוט מארגן נחמן..."

**– מלמד נורסערי קרית ברסלב**



## א בילד צוויי

### עברי אנכי

שעפערישע טאטע
האט געטראפן אן
אייגנארטיגע וועג צו
באדאנקען זיין זון'ס
עברי מלמד

## דער ראש ישיבה האט געזאגט:

### איין לנו

"אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה'", קען מען טייטשן איין חכמה, ואיין תבונה, ואיין עצה - איז געבליבן, זיך צו שטעלן "לנגד ה'"...

**– שיעור אסיפת הורים, ד' ווארא אין קרית ברסלב**

# מעשיות פון תפילה



**יוסף הכהן כ"ץ** | ארץ ישראל

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין לענדלער זאל מסכים זיין אראפ צונעמען אביסל פון די רענט געלט, כאטש על פי שכל האט עס נישט געהאט קיין פשט.

איך קלונג אריין מיין לענדלער אויסשמועסן איבער דעם, און ער זאגט מיר אז ער דארף עס דורך טראכטן. איך האב זיך געפריידט אז ער גיבט מיר נאך צייט צו בעטן דעם אייבערשטן....

ביזדערווייל קלונג איך מוסדות ארץ ישראל - רבי מאיר בעל הנס און איך געב 18 שקלים מיט א תפילה אז ער זאל מסכים זיין צו נידערן די רענט.

און וואונדער איבער וואונדער נאך צווי טעג קלונגט ער מיר אריין אז ער נעמט אראפ 300 שקל. האב איך געגעבן נאך 18 שקל צו דאנקן רבי מאיר.

**מלמד תינוקת** | ניו יארק

איך בין א מלמד. איך לערן מיט די קינדער משניות. איך האב צוגעגרייט א פראגראם וויאזוי צו מסביר זיין פאר די קינדער א געוויסע משנה, אבער איך האב מורא געהאט אויב איינע פון די קינדער זאלן לאכן דערפון, און אריינשלעפן אלע קינדער דערין.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די קינדער זאלן זייער הנאה האבן דערפון, און מיטלעבן מיט דעם. שכח אייבערשטער די קינדער האבן גאר שיין דאס מיטגעהאלטן, און הנאה געהאט.

**מלמד אבות ובנים** | וויליאמסבורג

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך פיר אן אבות ובנים אין א בית המדרש. איך מאך יעדע וואך פיר גורלות נאכ'ן ענדיגן לערנען.

די וואך האט זיך אפגעשפילט זייער אן אינטערעסאנטע מעשה. נאכן מאכן די גורלות האב איך געכאפט אז א גאנצע משפחה האט געוואונען, קודם האט געוואונען איין יונגל פון א געוויסע משפחה, און נאכדעם די איבריגע דריי געוואונערס איז געווען פון די זעלבע משפחה.

ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט וואס דא האט פאסירט?

שפעטער האב איך גערעדט צו מיין זון דערוועגן, ווי אזוי ס'קען זיין אז א גאנצע משפחה האט געוואונען, זאגט מיר מיין זון אז ער האט מיטגעהאלטן אז דער קליינער יונגעלע פון פינף יאר האט א גאנצע צייט געבעטן דעם אייבערשטן, "הייליגער באשעפער העלף איך זאל געווינען, הייליגער באשעפער העלף איך זאל געווינען", און ער איז טאקע געווען דער ערשטער געווינער.

נאכדעם ווען ער האט שוין געוואונען די ערשטע גורל האב איך געזען אז ער בעט ווייטער דעם אייבערשטן צו געוואונען. האט אים א יונגל געזאגט, "וואס בעטסטו יעצט צו געוואונען, האסט דאך שוין געוואונען." אבער ער האט נישט געכאפט וואס מען וויל פון אים, ער האט געוואוסט אז ווען מ'מאכט א גורל בעט מען דעם אייבערשטן מ'זאל געוואונען בתמימות ופשיטות. די צווייטע גורל האט טאקע זיין ברודער געוואונען.

און דער אינגל האט ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל געוואונען, און די דריטע גורל האט זיין אנדערע ברודער געוואונען.

אזוי האט זיך אויסגעשטעלט אז מיט זיינע תפילות האט זיין גאנצע משפחה געוואונען.

# היכל הלכה

## הלכות הדלקת הנרות - סימן רע"א סעיף ד' -ה'

**הקדמה קצרה:** ווי שוין ערקלערט האבן די הייליגע חכמים מתקן געווען אז מ'מעג נישט עסן אדער טרינקען פאר קידוש. ס'איז דא צוויי אופנים וויאזוי די איסור פון עסן און טרינקען הייבט זיך אן:

1. ביי כניסת השבת, ווען ס'ווערט שבת; מיר פסק'נען[57] אז פון בין השמשות הייבט זיך אן די איסור.

2. פון ווען מ'איז מקבל שבת. די הלכה איז אז ווען מ'זאגט מזמור שיר ליום השבת איז מען מקבל שבת, ממילא ווען איינער דאווענט פרי, איז ער דאך מקבל שבת פרי, דעמאלט איז שוין חל אויף אים די איסור פון עסן פאר קידוש אפילו ס'איז נאך פאר בין השמשות[58].

אין הכי נמי, מיר פירן זיך צו פורש זיין פון א מלאכה פון פופצן מינוט פאר די ערשטע שקיעה, אזוי ווי מ'האט גע'פסק'נט ביי די אסיפת רבנים ד' ניסן תשי"ד. אבער דאס איז נאר אויף צו טון א מלאכה; אויף דעם זענען מיר מחמיר פון די ערשטע שקיעה. מיר פסק'נען אבער מעיקר הדין ווי דער מחבר אין סימן רס"א סעיף ב', אז נאכט ווערט 72 מינוט נאך די ערשטע שקיעה, און בין השמשות איז 13 און א האלב מינוט פאר דעם, איז אויף עסן קען מען מקיל זיין ביז 13 און א האלב מינוט פאר'ן צאת הכוכבים לר"ת[59].

דאס אלעס, האמיר גערעדט פון א מאן. א פרוי איז דאך מקבל שבת ביי לעכט בענטשן[60] ווען זי זאגט די ברכה, ממילא, פון דעמאלט הייבט זיך אן די איסור פון עסן.

אויב א פרוי וויל יא עסן אדער טרינקען נאך לעכט צינדן, דארף זי זיך אויסנעמען א תנאי[61] אז זי איז נישט מקבל שבת ביי לעכט צינדן, דעמאלט קען זי אויך עסן ביז 13 און א האלב מינוט פאר'ן צאת לר"ת.

בדיעבד, אויב א פרוי האט זיך נישט אויסגענומען אז זי איז נישט מקבל שבת און זי איז הונגעריג, איז דא אויף וועמען זיך צו פארלאזן אז זי קען עסן[62].

### הגהות

57) כ"כ הגמ"א סק"י - וכן איתא בשו"ע התניא סעי' ט', ובקונטרס אחרון סק"ג: ומשנ"ב סקי"א.

58) מג"א סק"ה בשם הב"ח - וז"ל ומשחשיכה אפילו לא קיבל שבת, ואם קיבל שבת אפילו מבעוד יום אסור לטעום (ב"ח ס"ד).

59) עי' זמירות "דברי יואל" דף ו, בענין הנהגת רבינו הקדוש זי"ע בזה, ועי' למטה או' א' הביא סמיכון לזה, ותמצית הדברים - לב' שו"ע הרב דלאחר שקיעה א' מותר לאכול - קו"א סק"ג בשם הרז"ה, ולצרף ד' הכסף משנה פ"ד הל' ברכות דבספק חשיכה מותר לטעום בלי קידוש - וכן הוא ד' טו"ז איה"נ דמג"א חולק ע"ז מ"מ בזמן שהוא בין השמשות לגאונים שפיר יש לסמוך עלייהו עי"ש.

60) כמבואר בסי' רס"ג סעי' י' ברמ"א.

61) כמבואר במחב' שם סעי' י', ועי' מג"א סק"כ דאין להתנות כ"א לצורך.

62) בשו"ת פרי יצחק ח"ב סי' ט: כ' בשעת הדחק יש להתיר לאשה לטעום אחר הדלקת נר שבת אף בלא תנאי, ומ"מ לאחר קבלת שבת שע"י תפלה וודאי שאסור לטעום. עי' בשו"ת בנין עולם, הו"ד בשער הציון סי' רצ"ט סק"ה ובשו"ת מנחת אלעזר ח"א סי' ל"ג שדנו בזה.

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

# מנהג ניטל אין ברסלב

**עצתו אמונה וארא תשע"ח**

## שאלה

***לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,***

***איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט א שיעור גמרא דעם מוצאי שבת, איך האב מיך אביסל געוואונדערט ווייל אין די וועלט האט מען נישט געלערנט די וואך מוצ"ש וועגן ניטל, האב איך געוואלט פרעגן דער ראש ישיבה וואס איז דער מנהג אין ברסלב לגבי ניטל.***

***א גרויסן יישר כח פאר אלעס!***

**בעזרת ה' יתברך – יום ג' פרשת וארא, כ"ב טבת, שנת תשע"ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אין ברסלב האט מען נישט געמאכט קיין עסק פון ניטל; מוהרא"ש האט געהערט פון הרב החסיד רבי לוי יצחק בענדר זכרונו לברכה, אז אנשי שלומינו פלעגן זיך לייגן שלאפן יעדע נאכט גלייך נאך מעריב, ממילא איז בכלל נישט געווען די גאנצע שאלה פון לערנען ניטל נאכט, ווייל פון מעריב ביז חצות איז מען סיי ווי געשלאפן.

מוהרא"ש זאגט אז די גאנצע מקור פון ניטל קומט פון תשובת רש"י הקדוש (עיין בספר מטעמים, מערכת אות הנ', ערך ניטל, אות א); ווייל אמאליגע צייטן פלעגן זיך די גוים צוזאמקומען אין דעם יום הולדת פונעם אותו האיש ימח שמו, זיי פלעגן זיך אנ'שיכור'ן יענע נאכט און זיין זייער צעווילדעוועט; אויפן וועג אהיים, זייענדיג אנגעטרינקען און צולאזט פלעגן זיי שלאגן יעדן איד וואס זיי האבן אנגעטראפן דעמאלט אויפן גאס. דערפאר האט מען געמאכט א גזירה אז אין דעם נאכט טאר מען נישט לערנען תורה  אז די תורה זאל נישט גיין צו די סטרא אחרא.

אבער דער עיקר כוונה פון דעם איז געווען פשוט אז מענטשן זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון די ווילדע גוים וואס פלעגן אהיים קומען אנגעהיצט פון די גלחים, פון דעם קומט דער מקור אז מען לערנט נישט ניטל נאכט.

פון דעם איז געווארן אז אפילו היינטיגע צייטן וואס דער טעם גייט שוין נישט אן, האבן מענטשן מורא צו לערנען ניטל.

מוהרא"ש זאגט אז וויבאלד ביים רבי'ן רעדט מען זייער אסאך פון אמונה, אז דער אייבערשטער איז איבעראל און עס איז גארנישט דא אויסערן אייבערשטן, דערפאר האט מען נישט געמאכט קיין עסק פון דעם גאנצן דמיון פון אותו האיש; ווייל אז א מענטש לעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן, ער ווייסט אז אלעס איז דער אייבערשטער, און עס איז גארנישט דא אויסערן אייבערשטן, דער אייבערשטער איז "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דעמאלט ווערט מקוים דער פסוק (תהילים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", ממילא דארף מען נישט מורא האבן פון די אלע זאכן, ווייל אלעס איז בטל ומבוטל.

אבער אז איינער האט יא מורא צו לערנען תורה אין די נאכט פון ניטל, זאל ער גיין שלאפן גלייך ווען עס ווערט נאכט און אויפשטיין פרי לערנען, אזוי וועט ער יוצא זיין אלע מנהגים.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

**אידנו**

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**

## קינדער געלטער

ניו יארק סטעיט האט געמאלדן אז אנגעהויבן פון 2025 איז דער Empire State Child Credit שטארק געהעכערט געווארן.

דער קרעדיט איז פאר איינוואוינער וואס וואוינען אין ניו יארק סטעיט א גאנץ יאר און האבן מינימום איין קינד אונטער 17 יאר אלט ביזן 31'סטן דעצעמבער פונעם יאר פאר וועלכן מען מאנט איין דעם קרעדיט. דער קרעדיט פאר 2025 וועט געקלעימט ווערן אויף דער 2025 טעקס ריטורן וואס ווערט באצאלט דורך די רעגירונג אין 2026.

לויט די נייע רעגולאציעס איז דער קרעדיט פאר 2025 באשטימט אויף $1,000 פאר יעדן קינד אונטער פיר יאר אלט, און נאך $330 פאר יעדן קינד וואס איז העכער פיר יאר אלט אבער נאך נישט 17.

כדי צו קענען בעטן די קרעדיט דארף מען צושטעלן א גילטיגע Social Security, די הנהלה בעט פון יעדן צו זיכער מאכן מיט זייער אקאונטענט אז מען פאלט נישט ארויס פון באקומען די נייע געלטער.

אין די זעלבע צייט ווילן מיר דערמאנען אז ווען מען באקומט גרויסע געלט איז וויכטיג נישט צו פארלירן אדער פארשווענדן א.א.וו. דער בעסטע פלאץ ווי מען קען האלטן די געלט איז עס פארבארגן פאר די הנהלה און העלפן דער ראש ישיבה בויען וויטער די שטעטל.

## אוועקלייגן די פאפירן

וויכטיגע אנווייזונגען בנוגע שטאטישע פראגראמען

די הנהלה וויל דערמאנען פאר אלע טייערע חברים אז עס איז גאר וויכטיג צו האלטן א קאפי פון אלע דאקומענטן וואס מען גיבט איין צו סיי וועלכע שטאטישע דעפארטמענט, בפרט פאר פוד סטעמפס און היעפ און אנדערע בענעפיטן.

פאראנגאנגענע וואך האט די הנהלה ברך השם באוויזן צו צוריקבעקומען פאר איינער פון די תושבים זיין פוד סטעמפס אדאנק וואס ער האט געהאט א קאפי פון געוויסע דאקומענטן וואס ער האט אריינגעגעבן צו די סאציאלע סערוויסעס אפטיילונג.

אזוי אויך איז אריינגעקומען צו די הנהלה פילע בקשות אז די פוד סטעמפס אפטיילונג איז זייער פארשלעפט, זיי הייבן נישט אויף קיין פאונ'ס און ענטפערן נישט קיין מעסעדזשעס.

די הנהלה האט אריינגעלייגט אסאך ארבעט צו אויפמערקזאם מאכן די שטאטישע באאמטע פון די פראבלעם, און ברוך השם אין די לעצטע צייט האבן זיי צוגעלייגט נאך עטליכע ארבעטער און עס נעמט שוין פיל שנעלער.

## באצאלן שטייערן

עס איז וויכטיג פאר אלע וואס באקומען אין די טעג די יערליכע שטייער ביל פאר זייערע הייזער, צו זיכער מאכן אז אלע טעקסעס ווערן באצאלט.

עס זענען פאראן טעקסעס וואס ווערן באצאלט אויטאמאטיש דורך די מארטגעדזש, אבער אין געוויסע פעלער ווערט עס נישט באצאלט, איז גאר וויכטיג צו זיכער מאכן אז מען באצאלט דאס אין צייט, די טאון קען אנמאכן גרויסע פראבלעמען פאר די וואס באצאלן נישט די טעקסעס.

אזוי אויך פאר די וואס האבן נישט קיין מארטגעדזש איז וויכטיג עס צו אינזינען האבן.



*א י ן קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, זיין זון יעקב יוסף טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*מרת אסתר הערמאן ע"ה פארצײלט פון אירע יוגענט יארן.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

מער ווי איינמאל זענען געסט געקומען אינמיטן דער נאכט קלאפן אויף זייער טיר. ר' יעקב יוסף פלעגט אויפשפרינגען פון בעט און מקבל פנים זיין דעם גאסט מיט אזא שמחה אז דעם גאסט האט זיך געדאכט אז מען איז געשטאנען ביים פענסטער און געווארט אויף אים!

א גאסט האט שפעטער אמאל דערציילט אז ער געדענקט איינמאל ווען ר' יעקב יוסף איז אריינגעקומען אויף די שפיץ פינגער אין זיין צימער. פאר ר' יעקב יוסף האט זיך געדאכט אז דער גאסט שלאפט, אבער דער גאסט האט אלעס אויפגעפאסט. ר' יעקב יוסף איז געקומען זיכער מאכן אז דער גאסט איז ווארעם און באקוועם און דאן איז ער געגאנגען ברענגען נעגל וואסער פאר'ן גאסט.

מ ר ת הערמאן פלעגט אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן זוכה זיין אז זייער שטוב זאל זיין א "בית ועד לחכמים", א שטוב וואו צדיקים דרייען זיך. און זי האט זוכה געווען.

צווישן זייערע געסט זענען געווען דער ראש ישיבה פון מיר, רבי אליעזר יודל פינקל זצ"ל און רבי אברהם קאלמאנאוויטש זצ"ל. ווען זיי פלעגן ווילן אין ניו יארק ביים זאמלען געלט פאר דער ישיבה פלעגן זיי עסן אלע מאלצייטן ביי משפחת הערמאן.

אין יענער צייט האט פריידא, א טאכטער פון ר' יעקב יוסף, געהאט א קינד און זי איז געווען אין קימפעט ביי דער מאמע.

נאכן זיך ערהוילן אפאר וואכן איז פריידא געווען גרייט אהיימצוגיין. זי האט אבער געהאט א גרויסע קינדער-וועגעלע וואס איז געווען צו שווער פאר מרת הערמאן אליינס אראפצופירן. דעריבער איז זי ארויס אין גאס און געטראכט אז זי וועט גיין זוכן הילף.

ווי נאר מרת הערמאן איז ארויס פון שטוב, זענען די צוויי גדולים אויפגעשטאנען, א כאפ געטון דאס וועגעלע מיטן ניי-געבוירענעם קינד און אנגעהויבן אראפצופירן אלע שטאק פון בנין.

ווען מרת הערמאן האט דאס געזען, איז זי דערשראקן געווארן. "ביטע, לאזט עס אפ. עס איז נישט כבוד התורה." אבער די צוויי גדולים האבן ווייטער אראפגעטראגן דאס וועגעלע ביזן גאס.

ווען מרת הערמאן האט דערנאך אויפגעהויבן איר אייניקל, האט זי אריינגעשעפטשעט מיט טרערן אין זיין אויער, "אברעמל, דו האסט געהאט א געוואלדיגע זכי' און כבוד אז צוויי גרויסע תלמידי חכמים און גאונים האבן אראפגעפירט דיין וועגעלע. זאל די זכות דיר ביישטיין און דו זאלסט אויסוואקסן א צדיק און ליב האבן תורה."

אין אזא אטמאספער האבן זיך די הערמאן קינדער געהאדעוועט. די גרעסטע גליק און עשירות איז געווען נאך א מצוה. דער גרעסטער געווינס איז געווען "משמש זיין א צדיק."

איין טאג האט זיך די טיר אויפגעפראלט. ר' יעקב יוסף איז אריינגעלאפן צו זיין ווייב מיט א צייטונג אין דער האנט.

"קוק נאר!" האט ער אויסגעשריגן מיט



## מ. מאנן 7

עקסטאז.

"קוק וואס דא שטייט. די נייעס מעלדט אז היינט אנקערט די שיף וואס ברענגט קיין ניו יארק דעם גרויסן גאון און ראש ישיבה פון קאמעניץ, פוילן, רבי ברוך בער לייבאוויץ אינאיינעם מיט זיין גרויסן איידעם דער גאון רבי ראובן גרזאווסקי."

ר' יעקב יוסף האט ווייטער געליינט פון די צייטונג וואס האט באריכטעט אז אלע חשוב'ע און רייכע לייט וועלן אפווארטן די צדיקים, אזוי אויך האט מען ארויסגעדינגען א שיינע צימער אין דעם "סענטראל האטעל" אין מאנהעטן פאר די חשוב'ע געסט. די שיף אנקערט עלעף אזייגער.

ר' יעקב יוסף האט געכאפט א בליק אויפ'ן זייגער. "א שאד," האט ער ארויסגערופן אנטויש. "די קבלת פנים האבן מיר שוין פארפאסט."

"נישט געפערליך," האט זיין פרוי זיך אנגערופן, "עס וועלן זיין גענוג מענטשן זיי מקבל פנים צו זיין אן דיר אויך."

ר' יעקב יוסף איז דערציטערט געווארן. "וויאזוי קענסטו זאגן אזא זאך?! מיר האבן די זכיה צו האבן אזעלכע חשוב'ע מענטשן ביי אונז אין שטוב אלס געסט און דו ווילסט עס ארויסלאזן? איך גיי יעצט אריבער אין האטעל זיי איינלאדענען!" האט ר' יעקב יוסף געזאגט אנטשלאסן.

"יעקב יוסף," האט זיין ווייב פרובירט

צו

טענה'ן לאגיש צו אים. "עס זענען דארט דא חשוב'ע אידן און גרויסע נגידים. פארוואס טראכסטו אז פון אלע מענטשן וועלן די גאונים וועלן קומען צו אונזער ארימע הייזקע און איינשטיין ביי אונז?"

מרת הערמאן האט געוויזן מיט דער האנט אויף זייער אלטע אפגעדינטע טיש. "קוק נאר אויף די מעבל. זיי צעפאלן פון אלטקייט."

אבער ר' יעקב יוסף האט מען נישט געקענט בייגן. ער האט באמערקט זיין יונגסטע טאכטער רוחמה זיצן אין דער זייט און איר אונטערגעיאגט, "קום רוחמה. לאמיר גיין מקבל פנים זיין די צדיקים."

מרת הערמאן האט געהויבן די פלייצעס. איר מאן איז אומבויגזאם. ווען עס קומט צום אייבערשטן, תורה און צדיקים איז פשוט נישטא מיט וועמען צו רעדן.

"גיי און זיי מצליח," האט זי נאכגעשריגן.

ר' יעקב יוסף איז נישט געגאנגען. ער איז געפלויגן. די קליינע רוחמה האט נישט געקענט נאכיאגן זיינע טריט.

"טאטע, פארוואס לויפסטו אזוי? איך האב נישט קיין כח נאכצולויפן," האט זיך דאס קליינע מיידל געבעטן.

"רוחמה," האט ר' יעקב יוסף מסביר געווען אינמיטן זיין געלויף, "ווען א איד

איז

אויפן וועג צו טון א מצוה מוז מען זיך זייער צואיילן, ווייל די מצוה קען נאך גאר אנטלויפן. און אוודאי ווען עס רעדט זיך פון די מצוה פון הכנסת אורחים."

נאך א שטיק צייט זענען זיי ענדליך אנגעקומען צום האטעל. די גאס איז געווען באדעקט מיט מענטשן. אלע האבן גערעדט מיט פרייליכע טענער. עס האט זיך געשפירט א שמחה אין די גאסן פון ניו יארק. צדיק בא לעיר!

ר' יעקב יוסף האט פרובירט אריינצוגיין אין האטעל און זיך דורכצושטופן צווישן אלע מענטשן. גאנץ שנעל האט ער אבער געהערט ווי דער עולם שמועסט אז היינט קען מען נישט צוקומען צום ראש ישיבה. דער ראש ישיבה איז זייער אפגעמוטשעט און קיינער קען נישט אריינגיין.

רוב מענטשן האבן זיך אוועקגעדרייט אנטוישט. אבער נישט ר' יעקב יוסף. ער האט פעסט אנגעכאפט די האנט פון זיין קליין מיידל און זיך געלאזט צו די טעפיך-באדעקטע טרעפ פון האטעל. געשווינד איז ער ארויפגעלאפן צום צווייטן שטאק וואו די גדולים זענען איינגעשטאנען.

אויך דארט איז געווען אן אנלויפעניש מיט מענטשן. אינדרויסן פון דער טיר איז געשטאנען א גבאי און קיינעם נישט געלאזט צוקומען.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# שכוח אייבערשטער

מיר
הא




*sruliHeskel

# האבן דערגרייכט
# לב פונעם צילו!

## 125 אנשי שלומינו האבן זיך שוין אנגערופן ווארעם צום רוף פונעם 'בית התבשיל'

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אנצוקומען אין די קומענדיגע טעג צו אלע אנשי שלומינו וואס האבן נאכנישט אנטייל גענומען אינעם 'קרן הבנין קאמפיין' און יעדן איינעם מזכה זיין מיט די גרויסע מצוה.



# געדאנקען

## אמעטיסט שטיין
## און טורקוויז שטיין

די גרעסטע דיימאנד מינע אין די וועלט געפינט זיך אין רוסלאנד.

די דיימאנד מינע טראגט דעם נאמען "אייכאל" (AYKHAL) און געפינט זיך אין "סאכא" אין רוסלאנד.

דאס איז אויב מען רעכנט ווי סאך דיימאנטן קומען פון אט דער מינע.

אבער אויב מען רעכנט וויפל געלט די דיימאנטן ברענגען אריין, דענסטמאל איז די ערשטע מינע אויף די ליסטע די "דזשוואנענג" (JWANENG) מינע, וואס געפינט זיך אין לאנד "באטסוואנא" אין אפריקע.

די דזשוואנענג מינע ברענגט דיימאנטן אין ווערד פון איבער א ביליאן טאלער יעדן יאר.

די גרויסקייט פון דיימאנד מינעס איז שטוינענד! די "מיר" דיימאנד מינע אין רוסלאנד איז א מייל ברייט! און א האלבע מייל טיף!

די אייגנטומער פון די "אייכאל" מינע איז די קאמפאני אלראזא ALROSA.

די אייגנטומער פון די דזשוואנענג מינע איז די וועלט באקאנטע קאמפאני דע ביערס (DE BEERS).

אין די היסטאריע פון די לעצטע הונדערט יאר איז פארהאן צוויי מארקעטינג קאמפיינס וואס לייגן אלע אנדערע אין קליינעם פינגער.

דאס איז נייקי (NIKE) דזשאסט דו איט (JUST DO IT), און דע ביערס, אז א דיימאנד האלט אויף לאנג (מיר ווילן נישט נאכברענגען זייער ווארט "אויף אייביג" -FOREVER - גארנישט איז נישט אויף אייביג, נאר דער אייבערשטער).

נייקי האט געכאפט די מאסן מיט איינרעדן די מענטשן אין א פאזיטיווע וועג פון טראכטן, יא, טו עס.

דע ביערס האט איינגעפירט די פאפולאציע אין א הייפנאסיס פון טראכטן אז אויב קויף איך א דיימאנד וועט די הארמאניע ביי אונז אין שטוב האלטן אויף ווער ווייסט ווי לאנג, ווייל יא ווייל יא.

ווייל א דיימאנד איז די גורם פון הארמאניע אין א שטוב, ווייל יא ווייל יא

און בכלל די גאנצע זאך אז א דיימאנד האט די מינדעסטע שייכות מיט מעסוירע איז ארויסגעזויגן פון פינגער אזוי ווי די בריסקעט ביי די וואכנאכט און אזוי ווי די אש ביי די אשנאכט (לאך נישט, גיב עס פינעף מינוט וועט מען שוין זאגן אז די אשנאכט ווערט געברענגט פון בעל "קולות וברקים" וואס איז געווען א אור אייניקל פון דעם "על שונאינו ונלחם").

סיי די דיימאנד מינעס, און סיי די דיימאנד קאמפאניס זענען נישט מער ווי הונדערט פופציג יאר אלט.

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

פאר צוויי הונדערט יאר צוריק האט קיינער נישט געקוקט אויף דיימאנטן, אזוי ווי קיינער איז היינט נישט עפעס ספעציעל אינטערעסירט אין א מאלאקייט אדער אין א אמעטיסט אדער אין א טאופאז אדער אין א טורקוויז. קיינעם פאלט נישט ביי צו טראכטן אז א אכצן יעריג מיידל טאר נישט חתונה האבן ווילאנג מען קויפט נישט א טאופאז שטיינדל, אזוי איז קיינעם נישט בייגעפאלן פאר צוויי הונדערט יאר צוריק אז מען קען נישט חתונה האבן אן קיין דיימאנט.

די זאך אז א "דיימאנד" איז א "מוז" איז א פאבריצירטע מעשה וואס האט פאסירט נישט לאנג צוריק.

די DE BEERS דיימאנט פירמע האט אויפגענומען די פי. אר. פירמע "אייער ענד סאנס" צו דערציילן דעם ציבור אז די גאנצע MARRIAGE איז געוואנדן צו מען קויפט א דיימאנד אדער נישט, און אויך וויפל מען שפענדעוועט אויפ'ן דיימאנט.

די לצים פון די פי. אר. פירמע האבן עס אפילו צוגעגעבן א נאמען, "די דריי וואכן RULE " אז אויב מען ספענדט וויינינגער ווי דריי וואכן סעלערי אויפ'ן דיימאנד וועסטו קיין שלום בית נישט האבן (נעבעך אויף א מענטש וואס נעמט די לצים פון די פי. אר. פירמע פאר זיין מורה דרך).

למשל, איינער וואס מאכט צוויי אלפים א וואך, אויב ספענדט ער וויינינגער ווי זעקס אלפים ביים קויפן דעם דיימאנט, האט ער נישט קיין שאנס צו האבן עטוואס הארמאניע ביי זיך אין געצעלט.

ווייל לויט די שיטת ה'פי. אר. לצים איז די דיימאנט דאס וואס דיריגירט די הארמאניע אין א שטוב.

די פירער פון די וועלט באוואוסטע מארקעטינג פירמע "אייער ענד סאנס" האבן נישט געקענט קומען צו זיך צוקוקנדיג ווי די חעלעמער נאראנים לויפן קויפן דיימאנטן אין א פארזוך צו קענען האבן אביסל רואיגקייט און הארמאניע אין שטוב.

די שטיקל האט געארבעט! דע ביערס שארט גאלד בשעת דער עולם ליידיגט זיך אויס די טאשן ביים קויפן דיימאנטן.

דע ביערס פארקויפט דיימאנטן אין די ווערד פון פיר ביליאן טאלער א יאר.

דע ביערס פארקויפט צוואציג מיליאן איין-קאראט'יגע דיימאנט שטיינדלעך א יאר.

אין די וועלט געפינען זיך יעדן יאר צוויי הונדערט מיליאן מענטשן וואס קויפן איין-קאראט'יגע שטיינדלעך.

דאס איז לויט די שיטת ה'פי. אר. קאמעדיע-שפילער-לצים א קיימא לן פון צוויי הונדערט מיליאן הארמאניעדיגע PEACEFULL שטובער (ווארט מיך דארט, איך קום שוין).

דע ביערס האט נישט אויפגעהערט האמערן אין קאפ אז די רואיגקייט אין שטוב איז וועדליג וויפל מען שפענדעוועט אויף א דיימאנט! לאכט

די פירער פון די וועלט באוואוסטע מארקעטינג פירמע "אייער ענד סאנס" האבן נישט געקענט קומען צו זיך צוקוקנדיג ווי די חעלעמער נאראנים לויפן קויפן דיימאנטן אין א פארזוך צו קענען האבן אביסל רואיגקייט און הארמאניע אין שטוב

די שטיקל האט געארבעט!

נישט!

יעדע מאל וואס עס ווערט א שרייעריי און האמפעריי דארף מען לויפן קויפן נאך א דיימאנט.....

מען מוז עפעס טון מיט די ברסלב'ע חברה וואס געבן פאר כלות א זירקאניע אנשטאט א דיימאנד, ס'איז געפערליך! מען טאר דאס נישט צולאזן!

עס איז א געפערליכע עזות צו אפלאזן די דיימאנד CULT און אריינגיין אין די זירקאניע CULT.

עס איז א געפערליע עזות ארויסצוגיין פון די בריסקעט-וואכנאכט CULT און מאכן א פאטעיטע-קוגל-CULT וואכנאכט.

מען מוז עפעס זען צו טון! מען קען דאס נישט פארשווייגן! מען קען זיך נאך דערקייקלען צו אדורך גיין צוועלף חדשים אן א קרעדיט קארד סווייפ!

ותוצאותיו מי ישורנו! דאס קען נאך דערפירן אז מען קען בלייבן אן פוינטס פון דעלטע און האום דיפאו! געדענקט! מיר האבן אייך געווארנט! דאס איז נישט קיין קינדער שפיל! (עס איז א שפיל בלויז פאר גרויסע טאטעס מיט גרויסע יוקאן דינאליי'ס!).

איין זאך קען מען געדענקען, אויב מען איז טיף אין דער ערד קען מען נאך אלץ זיין א דיימאנד!

מוהרא"ש ברענגט (תוך הנחל פרשת וארא תשע"ג) פון הייליגן רבי'ן אין ליקוטי מוהר"ן אז שבט איז ראשי תיבות "טבעו בארץ שעריה" די טיר צום גן עדן ליגט טיף אין דער ערד.

ביסט אין דער ערד? קענסט נאך זיין א דיימאנט, קענסט נאך טרעפן דעם טיר צום גן עדן!

חודש שבט איז די צייט וואס מען באזינגט די קאלטע נאסע נאקעטע ביימער אז עס איז נאך נישט סוף פסוק, באלד וועט זיין פון זיי שיינע זאכן.

ווי נאסער דער נאקעטער בוים זעט אויס, אלץ מער שיינע זאכן ווערט פון די שעמעוודיגע קערעלע וואס ליגט דארט אונטן אין די טונקל, און אלע לאכן און שפעטן פון אים אז ער איז נישט א קערל און נישט קיין פרוכט, א פארשימלטער, א חרוב'ער, א פארגאנגענער, א דערנאך'ער, נישט א איד און נישט קיין גוי.

דער רבי זאגט דאך מכל הדברים צוקעק כבוד השם, מען קען נעמען רמזים פון יעדע זאך.

די צוויי היסטארישע קאמפיינס רעדן פון צוויי זאכן.

JUST DO IT. גיי ארויס פון עולם המחשבה און גיי אריין אין עולם המעשה, אנשטאט פלאנירן צו לערנען צען בלאט מארגן, לערן איין בלאט היינט, JUST DO IT.

די אנדערע היסטארישע קאמפיין לערנט אונז אז דו ביסט א דיימאנט! און A DIAMOND IS FOREVER! דיין אידישע נשמה לעבט אייביג!



צענדליגע האבן שוין געזען

# אפענע ניסים



**איצעם בילד:** אונזער פערזענליכע שליח הרב יוסף סאקס שליט"א ביים מתפלל זיין ערב שבת און צינדן א ליכט פאר די תומכים.

רופט היינט
דער גבאי

פאר אייערע פריוואטע קוויטלעך און הזכרות און צו צינדן א שמן זית ליכט פאר א ישועה

די ישועות קוואל איז אפן:

רופט דער גבאי
347 466 2410

ישועות ביי רבי מאיר

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

*sruliHeskel

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## ווילנא ש"ס
### חלק א׳

פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוּזְשֶׁעוֶוען הַשְׂכָּלָה אוֹיפְ'ן וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע בִּיכֶער כְּדֵי אַרַיינְצוּכַאפְּן תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן אִין זֵייעֶרֶע טָמֵא'נֶע נֶעץ, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וַוייל בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְט זֵייעֶרֶע פּוּסְטֶע רֵייד.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז גָאר וִויכְטִיג צוּ עֶפֶענֶען אַן אֵייגֶענֶעם בֵּית הַדְּפוּס, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דָארְט נָאר הֵיילִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע סְפָרִים. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי בֵּית הַדְּפוּס פוּן סְלַאוִויטָא וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּתְּפוּת פוּן אַפָּאר הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

צוּם עֶרְשְׁט הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שַׁ"ס וָואס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע הֵיימִישֶׁע אִידְן, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן תַּנַ"ךְ, סִדּוּרִים, סִפְרֵי חֲסִידוּת, אוּן נָאךְ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶועלֶעכֶע סֵפֶר עֶס הָאט נָאר גֶעשְׁמֶעקְט הַשְׂכָּלָה'דִיג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעדְרוּקְט.

צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי שַׁ"ס הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט פִינְף יָאר פוּן יָאר תקע"ז בִּיז יָאר תקפ"ב.

וֶוען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי שַׁ"ס סְלַאוִויטָא אִיז עֶס גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַלֶע הֵיימִישֶׁע אִידְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה, דִי שַׁ"ס הָאט גֶעהַאט הַסְכָּמוֹת פוּן גָאר אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן אַלֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל אִינְאֵיינֶעם אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַן אִיסוּר הַשָּׂגַת גְּבוּל אַז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע צֶען יָאר טָאר קֵיינֶער נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ שַׁ"ס.

לְמַעֲשֶׂה בִּיז גֶעצֵיילְטֶע יָארְן זֶענֶען אַלֶע סְלַאוִויטָא שַׁ"ס פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן שְׁנֶעלֶער וִוי גֶערָאכְטְן.

נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אַז אַלֶע גְּמָרוֹת זֶענֶען פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִינֶעם סְלַאוִויטָא בֵּית הַדְּפוּס אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן פוּן דְרוּקְן נָאכְאַמָאל דֶעם שַׁ"ס, אָבֶּער מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז אִין שְׁטָאט ווִילְנָא אִיז דָא אַ אִיד ר׳ מְנַחֵם מָן דִי טַאטֶע פוּן דִי רְאֵם מִשְׁפָּחָה וָואס הַאלְט אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ שַׁ"ס.

עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן אַ גַאנְצֶע דִּין וּדְבָרִים צוּ דֶער ר׳ מְנַחֵם מָן מֶעג אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ שַׁ"ס.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז עֶר מֶעג נִישְׁט דְרוּקְן, וַוייל מֶען הָאט גֶע'חַתְמְ'ט אַן אִיסוּר הַשָּׂגַת גְּבוּל, בְּמֵילָא טָאר עֶר נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַׁ"ס אִין דִי צֶען יָאר פוּן וֶוען סְלַאוִויטָא הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע. אַנְדֶערֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וּבְתוֹכָם רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז ר׳ מְנַחֵם מָן מֶעג יָא, ווִיבַּאלְד דִי גַאנְצֶע סִיבָּה וָואס מֶען הָאט גֶע'חַתְמְ'ט אִיז נָאר אַז דְּפוּס סְלַאוִויטָא זָאל קֶענֶען פַארְקוֹיפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע שַׁ"סְ'ן קֵיינֶער זָאל זֵיי נִישְׁט אוּנְטֶערְהַאקְן, אָבֶער דִי מְצִיאוּת אִיז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַלֶעס פַארְקוֹיפְט, בְּמֵילָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר ר׳ מְנַחֵם מָן צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַׁ"ס.

צוּם סוֹף אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ דִּין תּוֹרָה אוּן בֵּיידֶע זַייטְן הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת אוּן סְבָרוֹת מִיט זֵייעֶרֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל צוּ אוֹיפְוַוייזְן אַז הַלָּכָה'דִיג אִיז עֶר גֶערֶעכְט. לְמַעֲשֶׂה הָאט בֵּית דִּין גֶע'פַּסְקְ'נְט וִוי דִי זַייט וָואס רֶבִּי עֲקִיבָא אֵיגֶר זי"ע אִיז גֶעוֶוען, אַז ווִיבַּאלְד דִי סְלַאוִויטָא דְרוּק הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְקוֹיפְט, אִיז נִישְׁט דָא קַיין פְּרָאבְּלֶעם פַאר ר׳ מְנַחֵם מָן צוּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶ שַׁ"ס, אוּן סְלַאוִויטָא קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. אַזוֹי אִיז טַאקֶע נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי ווִילְנָא שַׁ"ס וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט גָאר גָאר שֵׁיין, אוּן דָאס אִיז דִי ווִילְנָא שַׁ"ס וָואס מֶען הָאט שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעדְרוּקְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל.



***וואס האט ווייטער פאסירט? ליינט קומענדיגע וואך***

***שיחות מוהרא"ש חלק ט׳ ערך גמרא***



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קמ"ז

# פארזעצונג פון פריער:

**נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אום שבת קודש פאר די ברית פון זיין הייליגן זון, האט דער רבי געמאכט א שלום זכר, ווי דער מנהג איז, און א גרויסער עולם איז געקומען אנוואונטשן דעם רבי'ן.**

**ווען דער עולם איז זיך צוגאנגען, זענען דארט געבליבן עטליכע אנשי שלומינו, צווישן זיי אויך רבי נתן, זיי זענען געשטאנען מיט פארכט פאר'ן הייליגן רבי'ן, און געקוקט אויף זיין הייליגע צורה, וואס האט געשיינט מיט א געוואלדיגע שמחה.**

אינצווישן האט דער רבי געקוקט אויף די שוך פון רבי נתן, וואס איז געווען היבש אויסדרייט, די זויל פון אונטן, וואס מען פִּידֶעשְׁוֶוע, האט זיך אזוי פארקרומט אז עס האט זיך ארומגעדרייט צו אויבן פונעם שוך. דער רבי האט זיך אנגערופן צו רבי נתן, "דיין שוך האט א פנים ווי א פאטש אין פנים". דער רבי איז שטיל געבליבן פאר אביסל, און דערנאך זיך אנגערופן, "אונזערע שיחות חולין!", ער האט געדרוקט דאס ווארט "אונזער", און אויסגעפירט, "זאל מיר סיי וועלכע בעל מקובל זאגן ווי אזוי אין דעם ווערטל ליגט אלע כוונות פון ברית מילה, און אויך וואס איז נאך העכער פון די כוונות".

דער הייליגער רבי האט אנגעהויבן וואָרפן ווערטער מיט א געוואלדיגע געשמאקע פארכטיגע חן. ער האט געזאגט "יש וטפח לו על פניו, ויש וטפח לו בסנדלו", ער האט דערמאנט דעם מאמר חז"ל ווען סנדל "גזירה שמא יעשה סנדל" וכו', ער האט אויך דערמאנט וואס חז"ל זאגן "דרוסת איש" וכו', און אויך דעם מאמר חז"ל "מה שעשתה ענוה עקב לסילותא" וכו', וואס אין די אלע חז"ל'ן איז מרומז אז עס ליגן גרויסע סוכות התורה, איבער די זויל, די שיך, און איבער דעם פאטש אין פנים, וואס ער האט פריער דערמאנט אין דעם ווערטל. און דאס אלעס האט צוטון מיט פגם הברית און תיקון הברית, וואס דאס איז דאך די מצוה פון ברית מילה וואס קומט אויף תיקון הברית.

פון די הייליגע שמועסן וואס ער האט אזוי ארומגערעדט און דערמאנט פארשידענע מאמרי חז"ל, איז ארויסגעקומען א געוואלדיגע תורה (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ס"ג) איבער די "סוד כוונת המילה", וואס די גאנצע תורה האט דער רבי נישט קלאר ערקלערט די קשר פון איין זאך צום צווייטן, נאר אלעס מיט רמזים און התנוצצות, יעדע שטיקל באזונדער.

דעמאלט האט מען געזען און פארשטאנען די גרויסקייט פון הייליגן באשעפער, און די גרויסקייט פון הייליגן רבי'ן, ווי פון אזא פשוטע ווערטל וואס דער רבי האט געזאגט אויף די שוך פון רבי נתן, איז ארויסגעקומען אזעלכע פארכטיגע סודות פון די כוונות פון ברית מילה, וואס די סודות זענען נאכאלץ פארבארגן פון אונז.

אנשי שלומינו האבן דערציילט, אז ווען דער רבי האט געזאגט די תורה, האבן עטליכע פון אנשי שלומינו איבערגעפרעגט פארשידענע שאלות אויף דעם מאמר, ווייל געוויסע זאכן זענען נישט אזוי פארשטענדליך דארט, און אויך פארשטייט מען נישט קלאר דער קשר פון איין זאך צום צווייטן. האט דער רבי זיי געענטפערט, "ווער איז אייך שולדיג, אז איר האט נישט קיין ידיעה אין אידלקייט".

ביים וואכנאכט, די נאכט פאר'ן ברית, איז דער רבי געזעסן מיט אנשי שלומינו, און גערעדט אסאך מיט זיי איבער זיין גרויסקייט, און איבער די זיינע געוואלדיגע מדריגות. אינמיטן די שמועס האט דער רבי זיך אויסגעדרוקט אז עס איז שווער אריינצונעמען אין הארץ די אלע זאכן וואס ער רעדט איבער זיין גרויסקייט, און מען קען בכלל נישט רעדן דערפון, ווייל אנדערע זאגן דאך אויף די זעלבע סארט לשונות, דאס מויל לאזט זיך דאך רעדט, וואס דו וועסט זאגן, קען דער צווייטער אויך זאגן די זעלבע זאכן, אבער יעדער קען שפירן אין הארץ און פארשטיין וואו עס איז ליגט די אמת'ע נקודה, וואו דער אמת שטייט איין.

דער רבי האט דעמאלט איבערגעזאגט פאר אנשי שלוינו וואס די וועלט פלעגט שמועסן אויף אים, "עס איז נישט קיין מיטלוועג", דאס הייסט אז אויב איז דער רבי אן אמת'ער צדיק, איז ער גאר א געוואלדיגער חידוש נפלא, וואס א מענטשליכער מח קען גארנישט משיג זיין, אבער אויב חס ושלום פארקערט וכו'. אזוי פלעגט די וועלט דעמאלט שמועסן איבער דעם הייליגן רבי'ן.

דער רבי האט מרמז געווען, אז דער אמת איז טאקע אזוי ווי זיי זאגן, עס איז טאקע נישטא קיין מיטלוועג, עס איז איינס פון די צוויי עקן, ובחרת בחיים, דער וואס קלויבט אויס דעם ריכטיגן וועג אין לעבן, האט געטראפן דעם אמת.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# אכצן מאל

# הדרן עלך



כלל ישראל שטייט אינעם שאטן פונעם פרייליכן סיום מסכת זבחים.

אבער גאר אן אייגנארטיגער סיום איז פארגעקומען ביי אונזער אלעמען באליבטן חבר מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אינדערהיים, אינאיינעם מיט אלע זיינע חברותות מיט וועמען ער לערנט טעגליך דעם דף.

היינט כאפן מיר א שמועס מיט ר' יעקב משה צו הערן פון אים ווי אזוי דאס גייט צו, דאס האבן אזוי פיל חברותות. וועט און ווי אזוי איז עס צושטאנד געקומען אז ער זאל טעגליך לערנען מיט אזוי פיל אינגעלייט.

אויך הערן מיר פון ר' יעקב משה וועגן זיין באזונדערן ש"ס שיעור, וואס ווי באקאנט איז ער עטליכע מאל א יאר מסיים ש"ס אויפן סדר דרך הלימוד.

ישראל דוד העסקן

## ״שלום עליכם ר׳ יעקב משה; צום ערשט לאמיר הערן ווען האט איר צום ערשט אנגעהויבן צו לערנען דעם דף גמרא?״

״איך געדענק נישט פונקטליך, אבער ערגעץ אינמיטן דעם פאריגן מחזור האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז איך זאל אנהייבן צו לערנען דעם דף גמרא, אויסער מיינע באזונדערע שיעורים אין ש״ס.

אין דעם יעצטיגן מחזור האב איך ב״ה געלערנט יעדן איינציגן טאג דעם דף גמרא.

ביים אנפאנג פונעם יעצטיגן מחזור האב איך שוין געוואוינט אין שטעטל ב״ה, דעמאלט האב איך גענומען א חברותא מו״ה הלל ווייס הי״ו וואס עד היום לערנען מיר נאך טעגליך דעם דף גמרא.״

## דאס הייסט אויך פארלערנען

יענע תקופה אנפאנג שטעטל האט מיר דער ראש ישיבה געבעטן אז איך זאל אנהייבן פארצולערנען דעם דף, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איך קען פארלערנען אפילו נאר פאר איין מענטש... און אפילו קיינער וועט נישט אנקומען זאל איך ווייטער פארלערנען דעם דף פאר מיר אליין - דאס הייסט אויך פארגעלערנט...

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז ס׳פלעגן קומען צום שיעור על פי רוב בערך פינף מענטשן, און אזוי איז עס אנגעגאנגען פאר א לאנגע תקופה.

למעשה נאך א שטיק צייט איז עס אביסל שוואכער געווארן, אבער איך בין ווייטער אנגעגאנגען מיט מיין חברותא ר׳ הילל.

אין די זומער וואכן האב איך נאך א חברותא אויך פון יענע צייט, דאס איז מו״ה מנחם שטיינבערג׳ס זיידע מו״ה שלום יוסף עפשטיין הי״ו וואס ער ארבעט אין א קעמפ, און אין די זומער חדשים קומט ער דאווענען אין שטעטל. ער פלעגט זיך אויך צוזעצן צום שיעור איז ער שוין אויך פארבליבן פון מיינע חברותות אין די זומער חדשים.

## זייער שיין. ווען האט פאסירט די טויש פון פארלערנען א שיעור ביזן האבן יעדן טאג אזוי פיל חברותות?

דאס האט פאסירט ווייל דער ראש ישיבה פלעגט מיר אלץ זאגן ״יעקב משה זע צו מקרב זיין די אינגעלייט, געב יעדן א גוט ווארט מיט א שמייכל״. און דער ראש ישיבה האט מיר געמוטיגט אז איך זאל אריינברענגען אין די אינגעלייט א חשק צו לערנען.


ביי א שמחה פון אן אייניקל

# אכצן מאל הדרן עלך


ביי א סיום

באגריסן און שמייכלן צו יעדן דאס איז מיר בכלל נישט קיין שווערע זאך... אבער ווי אזוי קען איך ברענגען אז א אינגערמאן זאל שפירן דעם זיסן טעם פון לערנען די הייליגע תורה??

האב איך אנגעהויבן פארצושלאגן פאר אינגעלייט "אפשר ווילסטו לערנען א דף גמרא?" ביז איין אינגערמאן האט מיר געענטפערט "איך ווייס נישט וועגן לערנען יעדן טאג, אויב דו ווילסט קענען מיר יעצט לערנען דעם בלאט!"

איך האב זיך גלייך ארויפגעכאפט אויף דעם און טאקע אין בלויז עטליכע מינוט האב איך געלערנט דעם בלאט מיט יענעם. און פון דאן האב איך דאס אנגעהויבן לכתחילה פארצושלאגן פאר מענטשן "אפשר קענען מיר זיך יעצט אראפזעצן לערנען א בלאט גמרא, ס'וועט נעמען בלויז פינף מינוט!"

דאס וויל שוין קיינער נישט אפזאגן, יעדער וויל לערנען אויב מ'געבט א מענטש די ברירה צו קענען לערנען גרינג און געשמאק אין בלויז אפאר מינוט א דף גמרא, ווער וויל אזאנס אפזאגן?

אזוי האבן זיך אנגעהויבן מיינע טעגליכע חברותות מיט אנשי שלומינו.

## קוויק דף - קוויק פעי'

און טאקע רוב פון מיינע חברותות מיט וועמען איך לערן היינט צוטאגס לערנען מיר שנעל און געשמאק אין בלויז אפאר מינוט א דף. איך רוף עס קוויק דף - קוויק פעי'...

דער ראש ישיבה זאגט דאך אלץ אז לערנען דעם דף ברענגט שפע - פון לערנען תורה קומען אלע גוטע ברכות.

## ווי אזוי זענט איר אנגעקומען אז יעצט ביי מסכת זבחים האט איר מסיים געווען מיט עלף חברותות?

ס'האט זיך אויסגעשטעלט יעצט ביי מסכת זבחים האב איך טאקע געלערנט מיט גאר אסאך חברותות. אסאך אינגעלייט האבן געזאגט פאר זייערע חברים "אויב ווילסטו לערנען א דף גמרא שנעל און געשמאק דאן לערן מיט ר' יעקב משה...." אזוי איז צוגעקומען נאך איינער און נאך איינער...

אזוי בעט איך כסדר נאך אן אינגערמאן און נאך אן אינגערמאן. ביז היינט צוטאגס, ווען מיר האלטן שוין אינמיטן מסכת מנחות, האלט איך שוין ביי אכצן חברותות!

## און יעדן טאג לערנט איר טאקע מיט אלע חברותות?

יעדן טאג?! נישט דא אזא זאך יעדן טאג! און טאקע פאר דעם סיום האב איך איינגעלאדנט איינע פון מיינע חברותות צום סיום. זאגט מיר דער אינגערמאן: "פארוואס זאל איך קומען צום סיום? וויפיל מאל האבן מיר למעשה געלערנט??" האב איך געזאגט פאר דעם אינגערמאן דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אלץ: "קוק אויף וואס דו האסט יא געטון, נישט אויף וואס דו טוסט נישט... קוק אויף וויפיל טעג מיר האבן יא געלערנט אינאיינעם דעם דף גמרא!"

ביים סיום האב איך געזאגט אז יעדער איז מסיים דעם מסכת מיט זייער חברותא. און אלע קוקן מיר אן אזוי - וואס הייסט? מיר האבן דאך נישט געלערנט ממש יעדן טאג צוזאמען??

האב איך מסביר געווען אז וויבאלד מיר האבן א חברותא'שאפט, אפילו ווען מיר האבן א טאג נישט געלערנט, וועט דער אינגערמאן אליינס זאגן דעם דף, ווייל מיר האבן א חברותא'שאפט און ער וויל נישט ארויספאלן. דעריבער, אפילו ווען איך האב נישט פיזיש געלערנט מיט יענעם יענעם טאג דעם דף, זענען מיר דאך געווען א חברותא אפילו יענעם טאג.

לעצטנס האב איך געהאט א מעשה. איך בין געגאנגען פרעגן אן אינגערמאן אויב ער וויל לערנען מיט מיר דעם דף. זאגט ער מיר: "איך האב שוין אזוי פיל מאל פרובירט זיך מיטצוכאפן, אבער קיינמאל איז עס מיר נישט געלונגען. דעריבער מיין איך אז דאס איז שוין נישט פאר מיר..."

פרעג איך אים: "אפשר קען איך יעצט לערנען מיט דיר פאר בלויז פינף מינוט?" זאגט ער מיר: "ר' יעקב משה, אויב קענסטו יעצט לערנען דעם דף מיט מיר אין פינף מינוט אויפן זייגער, האסטו מיך געוווינען!"

האב איך זיך אוועקגעזעצט מיט אים, און ביז פינף מינוט האבן מיר געענדיגט דעם דף!

נאך א מעשה האב איך געהאט. איך האב געפרעגט אן אינגערמאן: "אפשר קענען מיר לערנען דעם דף צוזאמען?" זאגט ער מיר: "ניין, איך וואלט ווען געוואלט לערנען דעם בלאט, אבער איך האב נישט קיין קאפ, איך קען נישט יעצט... אויב ווילסטו, בין איך גרייט זיך אוועקצוזעצן נעבן דיר. דו לערן פָאר, און איך גיי זאגן דעם דף, און אזוי ווי איך ענדיג זאגן דעם דף, שטיי איך אויף און איך גיי, אפילו דו האלטסט נאך אינמיטן." זאג איך אים: "איך גיי אין אויפן געשעפט..." און וואס מיינסטו? איך האב געענדיגט פארלערנען נאך פאר ער האט געקענט ענדיגן זאגן דעם דף...

יעצט ביים אנהייב מנחות האבן צוויי פון מיינע חברותות מיר געזאגט אז מנחות ביים אנהייב איז זייער שווער... למעשה, נאכן עס פארלערנען האב איך געפרעגט מיינע חברותות אויב ס'איז געווען א שווערע דף. האבן זיי מיר געזאגט אז ס'איז זייער געשמאק געווען, ס'איז בכלל נישט שווער...

## ווי אזוי גרייט מען זיך צו פארצולערנען דעם דף פאר אכצן חברותות?

איך האף אז דו פארשטייסט אז איך לערן נישט פאר מיט אלע ראשונים. איך לערן אזוי ווי איך האב מקבל געווען פון דעם ראש ישיבה צו קענען מאכן די תורה זיס און געשמאק פאר יעדן איינעם!

צווישן די פולע מתנות וואס איך האב באקומען פונעם אייבערשטן, האב איך באקומען א מתנה אז איך קען זיך שנעל פארקוקן דעם בלאט, אזוי ווי דער רבי זאגט אז איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועט עס דיר אזוי זיס ווערן אז דו וועסט שוין גארנישט וועלן נאר צו לערנען נאך א דף און נאך א דף!


תנאים פון מו"ה ישראל קרויס הי"ו איידעם פון ר' יעקב משה



צוועלעפטע סיום הש"ס

ווייל איך האב געפאלגט דעם ראש ישיבה צו לערנען גמרא און מסיים זיין ש"ס יעדעס יאר, איז מיר פשוט ליכטיג געווארן, אז ווען איך קוק זיך פאר, פארשטיי איך שנעל דעם בלאט גמרא, אז איך קען עס פארלערנען און פארשטיין די פשטות הפשט.

## איב איר קענט אונז איסרעכענען אלע אייערע טעגליכע חברותות

אייזיק אפפעל

גדלי אפפעל

הלל ווייס

משה גאטליב

שמואלי גליקמאן

נפתלי אפעלדארפער

מאיר וויזל

יודל אייזנער

נפתלי בוים

שמואל דוד ברוין, וואס אגב איז שוין מיין חברותא נאך פונעם ערשטן שיעור שוין עטליכע יאר

קלמן וועבערמאן

וואלווי זעלקאוויטש

אשר קרויס

עלי מזרחי

משה סאלז

שלום אלי' פעלבערבוים ב"ר פייש

שלום אלי' פעלבערבוים ב"ר שמואל לייב

יואל אפענהיים

## וואס האבן דיינע חברותות געזאגט ביים סיום?

בעיקר האבן זיך מיינע חברותות באדאנקט פאר די חשק וואס זיי האבן באקומען צו לערנען תורה דורך אונזער חברותא'שאפט.



תנאים פון מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו בן ר' יעקב משה

איך האב געוואלט אז יעדער איינער זאל זיך משתתף זיין אין דעם סיום, האט מען ארגאניזירט אז אלע פרויען פון מיינע חברותות זאלן עפעס מאכן פאר דעם סיום.

אזוי האבן אלע פרויען טאקע מיטגעהאלטן אז זייערע מענער לערנען יעדן טאג דעם דף און האבן א שייכות מיט די תורה!

## האסט פריער דערמאנט אז דו ענדיגסט ש"ס צוויי מאל א יאר. ווי אזוי האסטו צייט פארצולערנען פאר אכצן חברותות און נאך אריינצולייגן אינעם טאג צו קענען לערנען פערצן בלאט?

דא קומט אריין דער כלל וואס דער ראש ישיבה זאגט אייביג: אז דו ווילסט עפעס זאל געטון ווערן, געב עס פאר א פארנומענעם מענטש צו טון... איינער וואס טוט, באקומט צייט פונעם אייבערשטן.

דאס זעלבע זע איך ביי מיר, דער אייבערשטער שיקט א ברכה אין די צייט. אסאך מאל זע איך אז איך קען לערנען אין א דריי פערטל שעה צוואנציג בלאט!

דאס איז א מתנה וואס איך האב באקומען פונעם אייבערשטן - א ברכה אין די צייט! דעריבער שטעל איך זיך נישט אפ דא, נאר ווער ס'וויל לערנען דעם דף איז וועלקאם. איך וועל לערנען מיט יעדן איינעם בעזהשי"ת, און דער אייבערשטער וועט שוין שיקן א ברכה אין די צייט.

## א גרויסן יישר כח ר' יעקב משה פאר'ן אוועקגעבן צייט צו ענטפערן די פאר שאלות וואס מיר האבן געהאט, און פאר'ן מזכה זיין אזוי פיל אנשי שלומינו צו לערנען תורה, צו ווייזן אז די תורה איז זיס און געשמאק. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט א גאנץ לעבן ווייטער קענען לערנען תורה, און פארלערנען פאר אנדערע, און ווייזן פאר יעדן אז די תורה איז די געשמאקסטע זאך אין דער וועלט.

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**סיום מסכת זבחים פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו צוזאמען מיט אלע חברותות מיט וועם ער לערנט טעגליך דעם דף גמרא - א' וארא**

קרעדיט: גדלי' אפפעל



**דער ראש ישיבה שליט"א ביים חזר'ן ניגונים פארן קומענדיגן אלבום - ב' וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**סיום מסכת זבחים ביים טעגליכן שיעור פונעם דיין שליט"א אין שטעטל - ב' וארא**

קרעדיט: אשר לעמיל זוסמאן









**סיום מסכת זבחים אין ישיבה - ב׳ וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא







**ברית פון הילד אליעזר שלמה נ״י בן מו״ה שלום יוסףניישטיין הי״ו אין ישיבה - ג׳ וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל





**סעודת ברית פון הילד אליעזר שלמה נ"ו בן מו"ה שלום יוסף ניישטיין הי"ו אין ישיבה - ג' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט**
**מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו אין ישיבה - ג' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**ביים פארלערנען די דף גמרא אין ישיבה - ג' וארא**

קרעדיט: יוסי פרערויא





**דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס פאר די כולל אינגעלייט אין שטעטל - ד' וארא**

קרעדיט: אליעזר שמן, אייזיק ראטה










**עלטערן און מלמדים פארזאמלונג ביים נייע תלמוד תורה אין שטעטל - ד׳ וארא**

קרעדיט: שמוליק בלעדי, אייזיק ראטה, יוסי פרערויא



**מיטינג מיט די איינגעשטעלטע פון די ישיבות - ה׳ וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



**שחרית מיט די בחורים פון שטעטל אינעם ישיבה אין וויליאמסבורג - ה׳ וארא**

קרעדיט: שמעון עוזר פערל

# קלאסיפיידס


## KB Realty

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347–731–3144**

מיר סערווידן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי

## עקסערסייז

מיטן אייבערשטנ'ס הילף איז דא א עקסערסייז קלאס דריי מאל א וואך: זונטאג פון 4:30 ביז 5:30, דינסטאג און דאנערשטאג פון 5:30 ביז 6:30. די פרייז איז $15 פער קלאס.

אויב נעמט מען א פעקעדזש פון 10 קלאסן, איז די פרייז $10 פער קלאס.

ס'איז זייער געשמאק! שפירט פריש און געזונט!

**פאר מער דעטאלן רופט יחזקאל סאמעט**

**347–452–1936**






מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

וזוגתו שרה עלקא תחי'

### צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

dominogrp.com

loop PLUMBING

Reliable plumbing solutions

917.202.1206

## פרשיות תפילין

געשריבן דורך א היימישער סופר מאנשי שלומנו. א הערליכע שיינע שריפט - מעשי ידי אומן.

יצחק שמואל פרענקל

**+972-548-456-150**





א בילד פון פרשיות תפילין

## גדלות המוחין נייז טו פייוו.

א נייע פליגל געגצליך פריוואט - געאייגנט פאר ריטעיל געשעפטן אדער אפיסעס - איז נארוואס געווארן אוועילעבל אין סי פי פי, אלע באקוועמליכקייטן אונטער איין דעכל.

PRIVATE ENTRANCE AND PRIVATE BATHROOM

646.938.2503

dominogrp.com

CPP CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

מסיבת
הכרת
הטוב

# רייכע
# מתנות

פאר די טייערע
חשובע תומכים
פון קרן הדפסה

אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

## אונזער ירושה

מסיבת הכרת הטוב
יומא דהילולא קדישא
של מוהרא"ש זי"ע

א שיינע מתנה וועט
פארטיילט ווערן
פאר אלע משתתפים
ביים דינער

אין די פראכטפולע זאלן
Valley Terrace
121 College Rd,
Monsey, NY 10952

דינסטאג פרשת יתרו
הבעל"ט
ולמספרם Feb. 3

פתיחת שערים 7:45

*sruliHeskel

בס"ד

פרשת בא
אויסגאבע # 6

# אינדערהיים

## שפרינג איבער די שטריק

ל. וועבערמאן

**ריבנביץ האט נישט געהאט קיין צדיק**
ש. טראכטער

**מיין inner child בעהט**
ש. ל. פליישמאן

**ארויסגעפאלן ברויט פון שטריימל באקס**
הער א מעשה

# אינהאלט



6



15

**בס"ד**
פרשת בא
תשפ"ו
**נומער 6**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## מיין inner child בעהט

אינטערעסאנט,
פארוואס איך בין געקומען,
באמת בין איך היינט,
זייער פארנומען...

און דאך איך האב,
ווי ס'שטייט און גייט,
מיין הויז איבערגעלאזט,
און זיך געמאכט גרייט...

פאר מיין גוף געב איך,
וואס נאך עס craved,
און מיין נשמה נעבעך,
מיט א שטיל קול בעהט:

איך וויל אויך,
עסן פיין געשמאקע,
טו please'ן מיין געברויך,
הייל מיין הונגער אטאקע...

סאפפער, לאנטש, פרישטאג,
טוסטו זיך פארגינען...
איך בין 'אויך' וויכטיג,
האב מיך אויך אינזינען...

וועגן דעם בין איך,
דא יעצט ביים שיעור,
עסנס / essence געוווין איך,
פאר מיין זעהל אין מיר...

עס וועט, דער ראש ישיבה,
מיך געבן א דערמאן,
מיין ציל, מיין שאיפה,
מיין focus וואס זאל זיין...

אפילו איך ווייס עס,
שוין לעצטע וואך געקאסט,
דעם הייליגן רבין'ס עצות,
אויפפרישן איז א must!

ווילסט נישט ווערן אלט,
מיט א הארץ פארפרוירן...
קום צום שיעור באלד...
(rebirth) ווערסט פילן ניי געבוירן!

מאנטאג, שיעור time,
ווער מקורב פריש,
בלייב נישט אינדערהיים,
קום פאר א דערקוויקעניש!

דער ראש ישיבה האט געזאגט,
אמונה איז די זאך!
די טייערסטע פראדוקט,
קענסט ווערן אזוי רייך!!

נאך א ווארט, נאך א שיעור,
אמונה טראפט אריין...
דער אייבערשטער איז מיט דיר,
וואו דו זאלסט נאר זיין...

ווער נישט צוגעוווינט,
פריש דיך אויף נאכאמאל...
אוי, ווי עס לוינט,
קום צו אמונה school!

ברעך דורך דיין מניעה,
מאך די קליינע יגיעה,
נישט קיין גרויסע נסיעה,
אינו דומה שמיעה לראי'...

דער הייליגער רבי איז א פליאה!
זיינע לימודים א רפואה!
פאר אונזער דור א ישועה!
לעב מיט יעדע עצה און ידיעה!
טרעף דעם אייבערשטן אין די בריאה!
און דאנק: ש'כח אייבערשטער פאר די זכי'!!!

דער הייליגער רבי איז א פליאה:

דער הייליגער רבי האט געזאגט: אני איש פלא, ונשמתי הוא פלא גדול - איך בין א וואונדער, און מיין נשמה איז א גרויסע וואונדער.

(חיי מוהר"ן)

זיינע לימודים א רפואה:

דער הייליגער רבי זאגט אין סיפורי מעשיות, ביי די מעשה פון די זיבן בעטלערס: "און איך **הייל** זי." אז דער הייליגער רבי היילט אויס מיט זיינע **הייל**יגע עצות יעדן'ס נשמה און יעדן'ס גייסט.

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ה. סאמעט
קרית ברסלב

לעצטנס האט מיין קליינע מיידעלע זיך אנגעהויבן אויפצואוועקן ביינאכט, זי ווייגט זי וויל א באטי, איך האב איר נישט געוואלט געבן א באטי, נאכדעם וועט זי זיך צוגעוואוינען און בעטן יעדן טאג. איך האב שוין א קליינע בעיבי צו וועם איך שטיי אויף ביינאכט, מיין מיידעלע וויל איך זאל דורכשלאפן.

איין נאכט איז שוין געווארן זייער שווער, איך האב איר געגעבן א באטי, אבער נאכדעם האט זי ווייטער געוויינט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן און איך ארייגענומען אין מיין בעט, אבער די נאכט איז שוין געווען צופארן, זי האט ווייטער געוויינט.

די נעקסטע נאכט, זי וועקט זיך אויף נאכאמאל, איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אויב זי שלאפט צוריק איין, שכח אייבערשטער זי איז צוריק איינגעשלאפן און איך האב נאך געקענט האבן אביסל א רואיגע נאכט. שכח אייבערשטער.

אראפ אונטער מיין ווארעמע דאכענע, אבער פון די אנדערע זייט איז א גרויסע מצוה צו משמח זיין א כלה. דער אייבערשטער האט מיר אריינגעשיינט איך זאל זיך געבן א נעם צאם, זיך אנטון און ארויסגיין. איך קום אן צו די זאל און מיינע אויגן האבן זיך געדארפט בלינקען צו כאפן וואס גייט דא פאר.

ס'איז געווען א גרויסע שיינע ליידיגע זאל, מיט בערך 20 פרויען וואס טאנצן. איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך בין געקומען, ווייל יעדע מענטש האט אזוי פיל אויסגעמאכט.

אויפן וועג אהיים האבן מיר זיך געדארפט אפשטעלן צו נעמען געז, די געז סטאנציע האט נאר געוואלט נעמען א קרעדיט קארד, אבער מיר האבן נאר געהאט קעש, וואס טוט מען? מ'בעט דעם אייבערשטן! אזוי שטייענדיג דארט, בשעת איך וואונדער זיך פון וואו וועט קומען מיין ישועה, פארט אריין א אידישע מיני ווען, ער איז געווען אונזער פערזענליכע אליהו הנביא, ער איז געווען גרייט צו אויסלייגן די געלט פון זיין קארטל צו קענען פארן נאך 400 מייל. און קומענדיגן טאג האבן מיר אים נאכגעשיקט די געלט.

## ה. פרידריך
קרית ברסלב

וואס טו איך? יא גיין? נישט גיין?

איך בין אזוי מיד, אבער היינט איז די חתונה פון מיין קאזין: "באשעפער העלף איך זאל וויסן וואס צו טון". פון איין זייט איז מיר אזוי געשמאק זיך צו געבן א לייג

## ח. וו
קרית יואל

מיין קאזין פון לאנדאן איז געווען דא אין אמעריקע לכבוד א חתונה, אזוי ווי איר מאן האט געוויסע עסן וואס איז נישט גוט פאר אים, זענען זיי שוין צוגעוואוינט אז מ'דארף זיך אלעמאל מיטנעמען עסן, א חלק פון די פלאן איז געווען אז אויפן וועג צום לופטפעלד מאכט

מען א סטאפ אין א כשר'ע גראסערי, און מ'גרייט זיך צו עסן פאר וועג.

אזויווי מ'איז ארויסגעפארן פון הויז איז געווארן אזא מין רואיגקייט, אז אלע פעקלעך זענען שוין געפאקט און אלעס קלאפט, מ'האט אינגאנצן פארגעסן פון די סטאפ, מ'טרעפט זיך שוין ביים עירפארט, און מיין קאזינע בעט דעם אייבערשטן איר מאן זאל האבן וואס צו עסן, נישט וויסנדיג פון וואו די ישועה קען אנקומען.

מ'טשעקט אריין די גרויסע רענצל, און דער ארבעטער זאגט עפעס אז א פרוכט ליגט דא, וואס מ'קען נישט דורכלאזן. מ'עפנט די רענצל און מ'טרעפט א שיינע גוטע רייפע אוואקאדא. מיין קאזין איז געווארן איבערראשט צו זען אז דער אייבערשטער האט שוין אנגעגרייט א חלק ישועה, כאטש זי געדענקט נישט וויאזוי ס'איז אנגעקומען.

זיי גייען ווייטער און שלעפן די קליינע רענצל מיט די שטריימל באקס. ערגעץ אינמיטן האט זיך די שטריימל געגעבן א קייקל ארויס פון באקס וואס האט זיך געגעבן א עפן, און פון ערגעץ וואו איז מיטגעפלויגן א האלבע פעקל פון די ספעציעלע ברויט וואס איר מאן נוצט. קודם איז שוין דא א גרייטע סעודה, אבער זיי קענען זיך נישט דערמאנען וואו קומט די ברויט אהער?

איר מאן דערמאנט זיך אז ביי די חתונה האט ער געהאט די פעקל ברויט, און נישט געהאט וואו צו לייגן די איבריגע האלבע פעקל, האט ער עס ארייננגעלייגט אין די שטריימל באקס!

פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון! שכח אייבערשטער.

גרויס ביז קליין זענען פרייליך, מ'וועט זיך טרעפן אויך מיט אלע קאזינ'ס און מאכן א גרויסע שבת סעודה, אלע צוזאמען.

אזויווי די משפחה איז שוין קע"ה גרויס, האט מען צוטיילט, האלב קינדער זענען געגאנגען מיט די באס, און אלע זעקלעך און פעקלעך פאקט מען אריין אין טראנק.

שכח אייבערשטער נאך אלע פרייליכע צוגרייטונגען, זיצט מען שוין אין קאר און מ'פארט!

נאך א האלבע וועג, וואס גייט דא פאר? א פלעט! מ'רוקט זיך קוים צו אנקומען צום זייט פון ראוד, און טאטע מאמע און אלע קינדער צוזאמען בעטן דעם אייבערשטן מ'זאל קענען אנקומען צו קרית יואל, צו קענען הנאה האבן פון דעם שיינעם שבת.

מ'רופט חברים פון קרית יואל, אבער זיי האבן שוין נישט אוועילעבל איינעם פאר שבת. מ'פרובירט אן אנדערע ארגאניזאציע פון מאנסי, אבער זיי האבן אויך נישט קיינעם צו שיקן.

מ'זעט אז מיטן מאכן פאון קאל'ס קומט מען אין ערגעץ נישט אן, בלייבט איבער צו ווייטער בעטן דעם אייבערשטן.

דערווייל ווערט נענטער צום זמן און ס'זעט שוין כמעט אויס אז מ'וועט דארפן בלייבן צוטיילט, א האלבע משפחה אינמיטן וועג, און די אנדערע האלב אין קרית יואל.

ווען ס'זעט שוין אויס אובד עצות קומט פלוצלונג די ישועה.

א חסיד'ישער איד שטעלט זיך אפ אינמיטן וועג פרעגן אויב מ'דארף הילף. אזויווי ער איז א חברים מעמבער האט ער געהאט אלע געצייג אין זיין טראנק, ער האט זיך גענומען צו די ארבעט אינגאנצן אומזיסט, בלויז צו העלפן א צווייטן.

ביז א קורצע צייט האט מען געקענט ווייטער פארן, ווען מ'איז אנגעקומען אין קרית יואל הערט מען די ערשטע פייף 15 מינוט פארן זמן, פונקט גענוג צו קענען צינדן ליכט רואיג.

ווי פיל שענער איז געווען די שבת, נאכן בעטן פאר דעם.

שכח אייבערשטער.

## ג.ט.
## וויליאמסבורג

מ'גרייט זיך מיט די גאנצע משפחה ארויסצופארן פון וויליאמסבורג צו קרית יואל אויף שבת, צו פארברענגען א שבת מיט די זיידע און באבע.

ס'טוט זיך העפטיגע הכנות, די גאנצע משפחה פון

ש. טראכטער



# ריבניץ האט ניט געהאט קיין צדיק

א פאר חסידישע אינגעלייט האבן זיך ארויסגעלאזט אין וועג פון ברוקלין צו די קעטסקילס אין א זומערדיגע ערב שבת. זיי האבן געדינגען א דרייווער, א רוסישע פארצייטישע אידל, וואס איז ליידער אויפגעוואקסן אונטער די גרויזאמע נעגל פון די קאמיוניסטן. קיין סאך האט ער נישט געוואוסט פון אידישקייט. ער האט גערעדט אידיש, מיטן רוסישן אקצענט, אבער מיט דעם האט זיך זיין אידישקייט געענדיגט.

אזוי פארענדיג אויף די לאנגע וועגן, האבן די פאסאנדשירן פרובירט אנצוקניפן א שמועס מיט אים. "פון וואו קומט איר?" פרעגט אים איינער פון די אינגעלייט.

"ריבניץ."

אה, די איינע ווארט האט שוין אנגעצינדן אביסל לעבהאפט אינעם קאר

"טאקע, איר קומט פון ריבניץ? הייסט דאס אז איר האט געקענט דעם ריבניצער רבי ז"ל?"

דער איד ווייסט אבער נישט פון וואס זיי רעדן. "ריבניץ ניט געהאט א "רעבע"." טענה'ט ער.

"וואס הייסט," לאזן די חברה נישט נאך, "דער צדיק, דער הייליגער ריבניצער רבי."

דער רוסישער דרייווער הייבט אן ווערן אביסל בייז. "איך זאג ענק, ניט געוועןן

צדיק, ניט געווען "רעבע" אין ריבניץ."

ער האלט זיך ביי זיינס. ער איז אויפגעוואקסן אין ריבניץ און ריבניץ האט קיין צדיק נישט פארמאגט.

די אינגעלייט קוקן זיך איבער. עפעס שטומט נישט.

"איר זענט אויפגעוואקסן טאקע אין ריבניץ, אדער אין די ארומיגע שטעטלעך?"

"ריבניץ, אוודאי..." זאגט דער דרייווער מיט נאסטאלגיע און הייבט זיי אן דערציילן איבער דאס לעבן אין די ווייטע רוסלאנד, ריבניץ.

די חברים האקן אבער איבער זיין דראמאטישע זכרונות. "הייסט דאס אז איר האט געוואוינט אין ריבניץ און איר האט נישט געקענט רבי חיים זאנוויל זצ"ל?"

דער איד שפרינגט אויף. "חיים זאנוויל? אט אזוי. זאג אזוי. אוודאי האב איך געקענט חיים זאנוויל. זיכער. יעדער האט אים געקענט.

"אבער וואס זאגסטו וועגן א "רעבע", א צדיק? חיים זאנוויל איז געווען א חבר פאר אונז. ער איז נישט געווען א צדיק, א רבי..."

דער דרייווער דערמאנט זיך אביסל זכרונות. ער צולאכט זיך. "ער איז געווען אן אינטערעסאנטע מענטש חיים זאנוויל. יעדער האט געוואוסט. ער האט געהאט אזא סארט מאדנע זאך. יעדע זאך וואס ער האט געזאגט, האט פאסירט! הע.... הע... מאדנע. ניט אזוי?"

די אינגעלייט בליקן זיך איבער. אבער דער איד איז נישט פארטיג.

"איך געדענק איינמאל איז מיין ברודער פארשלעפט געווארן אין מיליטער. דאס איז געווען א גרויסע צרה פאר אונז. מיין פרומע באבע איז געלאפן צו חיים זאנוויל און געוויינט אז ער זאל אים אהיימברענגען. חיים זאנוויל האט געזאגט, "פרייטאג וועט ער דא זיין."

"און וואס מיינט איר? פרייטאג נאכמיטאג עפנט זיך די טיר און פלוצלינג איז ער דא, מיין ברודער. פונקט ווי חיים זאנוויל האט געזאגט! אינטערעסאנט, ניין?"

אויך געדענקט ער אז זיין פרומע באבע פלעגט טראגן איר הינדלעך צום ריבניצער. ער ווייסט נישט וואס ער האט געטון דערמיט. ער האט עס גע'הרג'עט. (גע'שחט'ן פאר די ערליכע באבע).

וואס האב איך געהאט מיט אים? וואס האב איך פארלוירן ביי אים? ער איז געווען אן אינטערעסאנטע איד, היינט זאגט מען ער איז געווען א הייליגע איד.

"דו האסט אמאל געזען וואו ער האקט די איז ביינאכט?"

"ניין. איך האב געהערט דערפון, אבער ביינאכט איז קאלט. קענסט מיר מסביר זיין פארוואס חיים זאנוויל איז געגאנגען האקן אייז ביינאכט?"

...

די מעשה האט מיר זייער געכאפט. דא וואוינט א איד נעבן א צדיק, א יסוד עולם, און ער שרייט חי וקיים, "ריבניץ האט ניט קיין רעבע.... ריבניץ האט ניט קיין צדיק."

איך האב אמאל אויסגעהערט אן אינטערוויו מיט אן אלטן איד וואס איז אויפגעוואקסן אין קערעסטיר, בשכינות רבי ישעי'לע זי"ע. מען האט אים געפרעגט, "וויפיל מאל זענט איר געווען ביי רבי ישעי'לע?"

זיין ענטפער: "איך? קיינמאל. וואס האב איך געהאט מיט אים? וואס האב איך פארלוירן ביי אים? ער איז געווען אן אינטערעסאנטע איד, היינט זאגט מען ער איז געווען א הייליגע איד, אבער... איך? איך האב גארנישט געהאט מיט אים."

הערנדיג די ווערטער הייבט די בלוט אן קאכן. האסט געוואוינט ביים צדיק און נישט געגאנגען צו אים?

אבער אזוי איז עס. מען זאגט א ווערטל אויף די ווערטער פון אשרי, "דור לדור ישבח מעשיך" יעדע דור זאגט פאר די פריעדיגע, "אהה, זיי זענען געווען געלויבט. זיי זענען געווען צדיקים. אבער היינט? היינט איז אנדערש. היינט איז שוין נישטא קיין צדיקים. (ח"ו)"

אין א שיעור פאר די בחורים זאגט דער ראש ישיבה אז מען זעט אין א בריוו פונעם דער הייליגער רבי אלימלך זי"ע, ווי ער שרייבט אז אפילו סוף ימיו האט ער נישט געהאט קיין געהעריגע מנין! בשעת דער צדיק האט געלעבט איז ער געווען פארשעמט. יעצט נאך זיין פטירה איז נישט דא א איד וואס וויל נישט זוכה זיין אנצוכאפן די קלאמקע פון זיין אוהל.

ווי די ווארט גייט אחרי מות, קדושים, אמור (דריי סדרות איינס נאכן צווייטן) נאכ'ן שטארבן, זאגט מען, זיי זענען געווען הייליג!

דער ראש ישיבה זאגט דארט אז דאס וואס עס איז דא מחלוקות אויפ'ן רבי'ן אפילו נאך זיין הסתלקות, דאס איז טאקע ווייל דער רבי לעבט ווייטער! דער רבי האט דאך שוין געזאגט, "מיין פייער'ל וועט טליען ביז משיח וועט קומען."

דער ראש ישיבה שליט"א איז מסביר דארט אז יעדע צדיק ברענגט אראפ א דרך, אן אור, און ווילאנג ער לעבט, וועט מען קריגן, ווייל דער שטן פארלייגט זיך, אבער ווי נאר ער ווערט נפטר, ווערט פארגעסן זיין דרך (ווי דער הייליגער רבי זי"ע פון סאטמאר האט געשריבן אז עס איז שוין נשתכח געווארן דרך הבעש"ט -

די אמת'ע טיפקייט פון חסידות.)

אבער דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א דרך וואס לעבט, א דרך וואס איז געבליבן, און דערפאר איז דא דערויף אזויפיל מחלוקות, ביז משיח'ס טאג.

צו זיין מקורב צום צדיק, צו האבן א געפיל אין צדיק דארף מען זוכה זיין. דו קענסט וואוינען טיר ביי טיר מיט גדולי עולם און נישט משיג זיין דעריין. דו קענסט זיין אפילו דער גבאי פון צדיק און נישט ארויסהאבן די מינדיסטע.

אזויווי די מעשה פון רבי נתן'ס תלמוד, ער איז אמאל אריינגעקומען מלא התרגשות, ער האט געטראפן איינעם מיטן נאמען יוסל פאראנטשיק, וואס האט געקענט דעם דעם רבי'ן. ער האט אים אפילו אמאל אריבערגעפירט דעם טייך.

האט אים רבי נתן געזאגט, "יוסל פאראנטשיק האט געזען דעם רבי'ן. דו "**קענסט**" דעם רבי'ן."

מען דארף זוכה זיין צו "קענען דעם צדיק." יעדער קען **זען** א צדיק, ווייניג זענען זוכה אים צו **קענען**.

די מעשה מיטן ריבניצער האט מיר זייער אויפגעוואכט. מען קען וואוינען טיר ביי טיר מיטן צדיק און שרייען "ריבניץ האט ניט געהאט א צדיק!"

"איך בין געווען זיין שכן יארן." (און???)

"איך געדענק אים נאך אלץ א בעיבי." (נו???)

"ער האט אינטערעסאנטע הנהגות...." (און דעריבער??)

אויב איינער קומט דיר זאגן דעות, אדער אויב דיין אייגענע מח הייבט דיר אן מישן, טראכט אריין, מען קען זיין נעבן צדיק און זאגן פאר יעדן, "ריבניץ האט ניט געהאט א צדיק!"

דער הייליגער רבי זאגט אונז שוין אז מען קען נישט דערקענען א צדיק פונדערויסן. עס דאכט זיך אז ער גייט ארום מיט די זעלבע קישקעס ווי א צווייטן אבער אין אמת'ן איז עס אינגאנצן אן אנדערע ענין!

ניין, מען קען נישט דערקענען א צדיק פון אינדרויסן. א צדיק זעט נישט אויס אנדערש, און נאכמער, דער צדיק לאזט זיך אראפ צו אונז, צו אונזערע פארשמירטע נשמות, ביז עס דאכט זיך פארן מענטש אז "ער איז ניט געווען א צדיק. ער איז געווען אונזער חבר!"

לאמיר מאכן תפילה אז אונז און אונזערע דורות זאלן אלעמאל זוכה זיין צו דערקענען, זיך מכניע זיין און בלייבן ביי צדיקים כל ימי חיי.

## טראכט אריין, מען קען זיין נעבן צדיק און זאגן פאר יעדן, "ריבניץ האט ניט געהאט א צדיק!"

מוהרא"ש זי"ע ביים ציון פון הרה"ק מריבניץ זי"ע




תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל ביים ציון



ל. וועבערמאן

# שפרינג איבער די שטריק



פון ווען זי געדענקט זיך, איז פערי די מיידל וואס שעמט זיך צו טאנצן שטריק. ווען אלע מיידלעך שפילן לעבעדיג ביי ריסעס, זיי לויפן ארום אין די ברייטע קארידארן פון סקול בנין, שטייט פערי אין א זייט. זי פרובירט אפשר צו דרייען די שטריק, זי קען באשטיין צו האלטן די פיס אין די ראבער אז אנדערע זאלן קענען טאנצן.

באמת קען זי גוט טאנצן ביי זיך אין צימער, אבער זי טראכט ווי לאכעדיג וועט זיין ווען יעדער זעט אזא טשאבי טאנצן.

ווען אלע מיידלעך כאפן ביי לאנטש דיווארעמע שמעקעדיגע פיצא בייגעלס, האלט זי זיך איין מיט אייזערנע קייטן צו נעמען אפילו איינס. ווייל זי ווייסט עס וועט זיך נישט ענדיגן ביי דעם, און אויך נישט ביי צוויי. נאכדעם וועלן אלע זאגן "אה, זי איז זיך אליין שולדיג". ווען פערי קומט אן אינדערהיים אטעמט זי אפ און הייבט אן עסן און עסן. איר מאמע ווערט שוין דערשראקן אז אין סקול געבט מען נישט קיין עסן.

ווען פערי גייט מיט איר מאמע איינקויפן קליידער אויף יום טוב, איז דאס אן עקסטערע מסכתא פאר זיך. די פארקויפערין געבט אזא בלינק מיט די אויגן ווען זי רופט זיך אן: "איך וועל דיר ווייזן עפעס שיין פאר אזא טשאבי מיידל". אין אזא צייט וועט פערי ווערן רויט, און נאר וועלן אנטלויפן פון געשעפט ווי ווייט אירע פיס קענען איר טראגן.

פערי איז מיין גוטע חבר'טע נאך פון די יונגערע קלאסן. עס האט מיר ווי געטון צו זען אז ווי עלטער זי ווערט, טוישט זיך עס מער פון די קליינע פריילעכע פערי, צו מער און מער א פארמאכטע און דערשראקענע. איך האב דעמאלטס נישט געוואוסט וויאזוי איר צו מחזק זיין, אויסער נאכאמאל געבן א שמייכל און נאך איין

מאל גיין מיט איר צוזאמען צו מיטאג.

אין קעמפ ווען מ'איז א גאנצן טאג מיט מיידלעך, האט זי אפגעמאכט אז זי גייט זיך מער נישט שעמען צו עסן, איר מאמע האט איר געשיקט זעקלעך מיט נאש און זי האט זיך גוט געפריידט און מחי' געווען. די מיידלעך אין צימער האבן אפגעמאכט אז ס'נישט קיין תכלית אזוי, פערי מעג נישט עסן אזויפיל נאש. האט מען זיך אפגעשמועסט אז מ'גייט אנהייבן בעטן פון איר נאש, יעדער וועט מיטעסן, כאטשיג וועט זי עסן אביסל ווייניגער. ווען פערי איז געזעצן אויף די אונטערשטע פון די באנקבעט מיט פעקלעך ליקעריש און דזשעלים, האט יעדער אויסגעשטרעקט די הענט פאר צדקה.

פערי איז געווארן נמאס פון די שפיל, האט זי געבעטן פון איר מאמע נאך א זעקל נאש, אבער זי האט פאראויס געזאגט אז זי טיילט מער נישט פאר קיינעם!

ווי עלטער איך בין געווארן האב איך מער אריינגעטראכט וואס איז טאקע די ריכטיגע וועג? וויאזוי קען מען מחזק זיין אזא מיידל, וואס האט באמת א שוועריגקייט? אויב זאגט מען איר א ווארט וועגן דייעט, וועט עס נאר ווירקן אויף פארקערט.

אין יענע תקופה האב איך געטון לויט מיין יכולת, וויפיל איך האב דעמאלט געקענט. אבער שבת פרשת ויגש, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט סיפורי מעשיות נאכן דאווענען, האט מיר געגעבן א בליץ אריין די פשוט'ע עצה, ווי אזוי זיך צו ספראווען מיט אזא שוועריגקייט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט מעשה י"ב פון דער בעל תפילה, וואס איז ארומגעגאנגען שמועסן מיט מענטשן כדאי זיי צו ברענגען צום אייבערשטן, ווען ער איז אנגעקומען צו די מדינה פון געלט - וואס געלט איז ביי זיי א גאט, האט ער אנגעהויבן שמועסן מיטן שומר.

**(לשון המעשה) דער שומר האט אלץ נישט צוגעהערט ווארין סע איז שוין ביי זיי איינגיזעצט געווען זייער נארישקייט פון א לאנגע צייט. נאר דער בעל תפילה האט מיט אים אסאך געטעניט ביז צום סוף האט דער שומר אים געענטפערט, ווייטער וואס קען איך טאן, איך בין זיך נאר איינער.**

דאס מיינט, אז בעצם דער שומר אליין וואלט זיך געקענט אן עצה געבן

> וואס איז טאקע די ריכטיגע וועג? וויאזוי קען מען מחזק זיין אזא מיידל, וואס האט באמת א שוועריגקייט? אויב זאגט מען איר א ווארט וועגן דייעט, וועט עס נאר ווירקן אויף פארקערט.



מיט זיין פראבלעם, און צום סוף ארויסגיין פון דעם. דער פראבלעם איז נאר אלע אנדערע מענטשן ארום און ארום, וואס גלייבן נאך אין די נארישקייט, ווי קען מען פלוצלונג זיין אנדערש?

נעם דיין פראבלעם - דיין שוועריקייט, שנייד ארויס אלע צוגעלייגטע זאכן פון ארום - די אלע זאכן וואס מענטשן גייען זאגן, און וואס מענטשן וועלן זען און טראכטן, יעצט בלייבט מען מיט די שוועריגקייט אליין, זעט מען אז די זאך אליין קען איך באמת אויסהאלטן, ס'איז נישט אזוי שווער. למשל אזוי ווי ביי פערי'ס מצב, ווען זי זאל ארויסשניידן די גרויסע פחד פון מענטשן, וואלט זי געשפילט און געשפרינגען אזוי ווי אנדערע מיידלעך. דאס אליין וואלט געלייזט א גרויסע חלק פון איר פראבלעם. אז זי שפילט שוין מיט יעדן מוז זי נישט עסן אזויפיל נאש, ווייל זי קען אויך האבן סיפוק פון פראגראמען און פארברענגען, אז זי איז אנגעפילט מיט סיפוק נעמט זי נישט פערזענליך אויב א מיידל זאגט עפעס וואס קען אפשר מיינען איר צו פארשעמען. אז זי זיצט נישט אויף איר בעט פארשעמטערהייט דארף זיך קיינער נישט אונטערשמייכלען. אזוי גייט עס ווייטער און ווייטער. (אוודאי דארפן מענטשן ארום אכטונג געבן נישט לאכן פון א צווייטן).

קומט אויס אז פערי וואלט געבליבן מיט איין פראבלעם, וואס דער אייבערשטער האט איר געגעבן - א נסיון, אז זי דארף זיך ספראווען וויפל און ווען צו עסן, צו קענען אנגיין מיט איר לעבן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אזוי שיין ערקלערט אז אפילו די דאגה פון "וואס וועט זיין?" איז איבריג, און צוגעלייגט צום נסיון. איינער קומט זאגן אז די בויך טוט וויי, באמת קען זי עס אויסהאלטן, נאר די שרעק אז ס'וועט ווערן שטערקער און מ'וועט דארפן אפערירן, דאס מאכט די נסיון שטערקער ווי מ'קען אויסהאלטן. דער אייבערשטער געבט פאר א מענטש כח צו אויסהאלטן זיינע שוועריגקייטן, אבער די קאמפליצירטע פראבלעמען וואס זענען צוגעלייגט ארום די פראבלעם, דאס קען מען שוין נישט.

די לימוד איז מורא'דיג שטארק, און גייט זייער ווייט. ס'קומט אויס ביי קלענערע זאכן אין לעבן וואס מ'שטויסט זיך אן. למשל די הויז איז איבערגעדרייט, און מ'הייבט אן ווערן אזוי צובראכן פון דעם אז איך בין אזא אומבאפאראטע, דאס אליין מאכט שוואך, מ'זאל מוזן בלייבן זיצן אויפן קאוטש. דעמאלט קענסטו ארויסשניידן די גאנצע חלק הדמיון פון וועלכע סארט מענטש איך בין, צו איך בין באכלעפטשעט צו נישט. איך קען סתם אנצינדן מוזיק אדער א שיעור צו הערן, און אוודאי מיט א תפילה אויף כח, און אנהייבן טון איין זאך וואס איז די וויכטיגסטע אדער די ארבעט וואס איך בין די מערסטע אין די גוסטע. מ'קען אפילו ארויסשניידן די חלק פון דאגה'ען צו איך וועל אנקומען צו נישט.

אויב קומט אמאל א גרעסערע נסיון מיט א לאנגע ווייסע בארד, קענסטו אויך נוצן די עצה. קענסט צונעמען די פראבלעם, היינט קען איך עס דורכמאכן, נאכן איבערגעבן מיין טאג צום אייבערשטן. מארגן ווייס איך שוין נישט און איך דארף נישט וויסן. אמאל קען א גאנצע טאג אויך זיין צו שווער, קען מען נעמען איין שעה. די איין שעה איז געענדיגט, נאך 60 סקונדעס און מ'קען עס דורכלעבן. מ'קען עס אפילו דורכלעבן פרייליכערהייט, דורכ'ן זאגן שכח אייבערשטער איך לעב נאך, שכח אייבערשטער פאר הענט וואס ארבעטן. שכח אייבערשטער פאר פיס וואס קענען נאך טראגן. אזוי גייט מען דורך די אברים, דאס געבט צוריק לעבן פאר די פארשטייפטע אברים.

זע זיך צו האלטן גוטמוטיג און אין דער הייך. הייב אן מיטצוטאנצן מיט די שטריק.

פאר דער ריזיגער גרויסער בער - דאגה פון "וואס וועט זיין?" זאגט מען: "איך האב נישט מורא פון דיר, מיין באשעפער זארגט פאר מיר, און דו וועסט מיר נישט שטערן פון אנגיין מיט מיין טאג טעגליכע לעבן".

אמאל קען צער און יסורים זיין גאר שטארק, דאן זינגט זיך א אידענע:

באשעפער איך ווייס נישט אליין,

וואס צו טון ווי צו גיין,

נאר דו קענסט מיר פארשטיין.

אפילו אויך אן די ריכטיגע ווערטער,

פארשטייסטו פון מיר בעסער.

וואס איך וויל זאגן פאר דיר,

באשעפער איך שפיר.

ס'צופיל פאר מיר.

איך געב מיר איבער אינגאנצן פאר דיר.

דער עיקר זע זיך צו האלטן גוטמוטיג און אין דער הייך. הייבן אן מיטצוטאנצן מיט די שטריק וואס דרייט זיך. זיי נישט ווי פערי וואס בלייבט שטיין פארשעמט ווען אלע טאנצן אין די שטריק.

ווייל די וועלט איז ווי די שטריק וואס האלט זיך אין איין דרייען, אז דו געבסט א שפרינג איבער די נסיון ווערסטו א דרגא העכער. אז דו בלייבסט שטיין באבלאזן און צובראכן, כאפסטו א ציפ פון די שטריק.

נא! געב שוין א שמייכל און א שפרינג אריבער!

ש. טראכטער




**אידישע קינדער האבן זיך אלע יארן געהאלטן פעלזן פעסט אין די אמונה, נישט קיין חילוק וואס ס'זאל נאר זיין.**

**דא ברענגען מיר פאר אייך אן אמת'ע מעשה וואס האט פאסירט אין די צייט פון די וועלט מלחמה. וואס ברענגט ארויס די געוואלדיגע שטארקייט פון אידישע קינדער, וואס האבן זיך געהאלטן שטארק אין אלע מצבים.**

"וואס וועט זיין?" האט דער טאטע געפרעגט צו זיך, אבער גענוג הויך אז אלע ארום זענען אנגעשטעקט געווארן מיט זארג.

עס איז נישט געווען קיין סוד. די מצב ווערט שווערער פון טאג צו טאג. דער שטאט ראט האט ארויסגעגעבן א דאטום, ביז ווען אלע מוזן זיך שטעלן צום מיליטער.

יוסף, א יונגער בחור'ל פון 13 יאר, קוים בר מצוה געהאט, דארף זיך אויך שטעלן צום מיליטער.

דאס מיינט א רוחניות'דיגע סכנה.

דער טאטע און די מאמע גייען ארום פארוויינט, דערשראקן אבער פול מיט תפילה.

דאס איז זיכער. זייער באליבטער יוסף וועט אין מיליטער נישט גיין, נישט קיין חילוק וואס דער פרייז.

וואס יא? דאס ווייסן זיי נישט. אבער א איד וועט ער בלייבן, און אין מיליטער, וואו מען רייסט אויס יעדע זאך פון אידישקייט, וואו מען לאזט נישט היטן שבת און נישט עסן כשר, און נישט לייגן קיין תפילין, מ'ווערט אפגעקילט פון יעדע פינטל אידישקייט, דארט וועט ער זיכער נישט גיין.

ווייל א לעבן אן תורה איז דאך קיין לעבן נישט.

וואס יא? דאס וועט שוין דער אייבערשטער פירן, און מיט תפילה וועט מען פועל'ן.

...

מיטוואך אינדערפרי גייט מלכה ארויס אין גאס. די וועטער איז אביסל רעגנדיג און קיל. פונקט צוגעפאסט צו איר מוט. פונקט דאס וואס זי שפירט אויפ'ן הארץ. א קרעכץ רייסט זיך ארויס פון איר הארץ בשעת זי שלעפט איר ליידיגע קארב, וואס זי וויל באלד אנפילן מיט א הינדל, אביסל ברויט און פרוכט אויף שבת.

"באשעפער זיסער, וואס וועט זיין מיט אונזער יוסף'ל? וויאזוי קען א מאמע'ס הארץ דען צולאזן אז איר טייערער אוצר זאל אוועקגעריסן ווערן פון די שויס פון אמונה? ער איז נאך אזוי יונג און דארף נאך א פעסטע האנט פון חינוך. באשעפער, נאר דו קענסט מיר העלפן. דו דארפסט נישט מיינע עצות. איך ווארף ארויף מיינע זארגן אויף דיר, טאטע, איך בעט דיר, העלף מיר."

מלכה האט צוגעיאגט אירע טריט. נאך די קורצע תפילה האט זי שוין געשפירט לייכטער, ווי זי וואלט געטרונקען א געטראנק פון צוויקל און פרוכט וואס גיבט גלייך כח.

אזוי איז עס, א קורצער שמועס מיט אונזער טאטן גיבט גאזאלין ווייטער צו גיין און כח אויסצוהאלטן וואס עס גייט אריבער.

מלכה איז אריין אין מארק. דער גערודער האט איר אויף א מינוט צעמישט. דערנאך האט זי געשמייכלט. "עס איז נישט שלעכט אט דער גערודער," האט זי געקלערט, "עס פארטרייבט דעם גערודער אין מח..."

זי איז צוגעגאנגען צום פיש סוחר און באטראכט די סחורה. גלייך איז דער פיש סוחר געשטאנען אויף איר זייט און מיט א שמייכל איר צוגעוויזן אויף א פעטן שיינעם פישל. "דאס איז פאר אייך, פרוי וואנקער. און היינט האב איך א ספעציעלע אנבאט פאר אייך. אז איר קויפט דאס פיש, געב איך אייך דריי קליינע פישלעך אומזיסט."

מלכה האט זיך צעשמייכלט. ער איז א פיפיגער סוחר, דער חייקל. "לכבוד שבת קודש," האט זי געזאגט, און איינוועגס האט זי געטראכט, "וועט שוין חנה, די ווייב פון חייקל, האבן א פאר טאלער אויף שבת. די געלט גייט דאך צו גוטע פלעצער."

חייקל האט איר שוין איינגעפאקט די פיש און מלכה האט דאס אריינגעלייגט אין איר קארב.

זי האט זיך פרובירט צו קאנצענטרירן. וואס איז נעקסט? אה, די הינדלעך.

מלכה האט אריבערגעשפרייזט די גאס צו שיינבערג'ס. ער פארקויפט די הינער. זי איז צוגעגאנגען צום סוחר און אים געבעטן אויב ער קען איר פארקויפן א פעטע עוף.

"אוודאי," שמייכלט הער שיינבערג, "אינטערעסאנט, קיינער האט מיר נאך קיינמאל נישט געבעטן א מאגערע עוף."

מלכה האט זיך ארומגעקוקט אויף די הינער.

אינצווישן האט זי באמערקט אז איר חבר'טע זעלדא קומט אויך אהער.

מלכה האט זיך געפרייט. "זעלדא, א גוטן. וואס מאכסטו?"

זעלדא האט געשמייכלט אזא סארט מיסטעריעזע שמייכל וואס האט עפעס באאומרואיגט מלכה.

"עפעס איז נישט בסדר?" האט מלכה געפרעגט מיט זארג.

זעלדא האט געווינקען אז זי זאל קומען אין א זייט.

"לאמיר רעדן אין דער זייט. מען קען נישט וויסן."

מלכה איז שוין געווארן זייער אנגעצויגן. "זעלדא, דערצייל מיר."

זעלדא האט אביסל אוועקגעקוקט.

"מלכה, דיין יוסף דארף זיך אויך שטעלן צום מיליטער."

זעלדא האט דאס געזאגט. נישט געפרעגט.

"נו," האט מלכה נישט פארשטאנען.

זעלדא האט אויך געהאט א זון אין דעם זעלבן עלטער און ביידע האבן זיך ארומגעדרייט מיט די זעלבע זארג.

"מלכה, מיין יעקב שלום איז יעצט אפגעפארן מיט א שיף צו א לאנד וואס הייסט דרום אמעריקע. סאוט אמעריקע."

"וואס?!" מלכה האט באמת נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר.

זעלדא האט אויסגעקלארט איר קול, "הער זיך צו, איינער איז געקומען דערציילן פאר מיין מאן אז עס איז דא א וועג זיך צו ראטעווען פון די נעגל פון מיליטער. דאס איז דורך נעמען א שיף און אפפארן צו די אנדערע זייט וועלט. עס איז פאר אונז געווען זייער א שווערע באשלוס, אבער מיר האבן באשלאסן אז דארט האט ער א שאנס אויסצושטייגן אלס א איד, אבער אין מיליטער... ממש נישט."

"דעריבער האבן מיר אים איינגעקויפט א בילעט און ממש פריער האבן מיר אים אפגעשיקט קיין סאוט אמעריקע."

מלכה איז געווען שאקירט און אביסל אנטוישט. "פארוואס האט איר אונז גארנישט דערציילט?"

זעלדא האט זיך צוגעבויגן נענטער. "דו דארפסט פארשטיין. די גאנצע זאך איז זייער איינגעשטעלט. אויב נאר איינער וואלט געוואויר געווארן פון דעם פלאן א מינוט איידער ער איז ארויסגעפארן, וואלט די פאליציי אים געוויס אפגעהאלטן, און מיר ווילן נישט טראכטן וואס וואלט פאסירט."

"אין אמת'ן פלאן איך קיינעם נישט צו דערציילן, נאר איך זאג עס דיר צוליב א סיבה, ווייל היינט נאכט רייזט ארויס נאך א שיף, דאכט זיך מיר דאס לעצטע דעם חודש, וואס פארט אויך קיין סאוט אמעריקע, צו אן אנדערע לאנד אין יענעם קאנטינענט. איך קען זיך נישט פונקטליך אויס מיט די דעטאלן, אבער אפשר איז כדאי אז דו זאלסט אריינקוקן דערין."

מלכה האט שוין קוים אויסגעהערט דעם סוף, און אנגעהויבן לויפן אהיים.

"פרוי וואנקער, אייער הינדל!" שרייט הער שיינבערג צו איר.

"נישט יעצט, הער שיינבערג, אפשר שפעטער, אפשר נישט, איך ווייס נישט. זייט נישט ברוגז."

הער שיינבערג האט איר נאכגעקוקט פארדעכטיגט. עפעס איז אים נישט געפעלן. וואס האט פלוצלינג פאסירט מיט די איידעלע, רואיגע פרוי וואנקער?

...

מלכה האט קיין רגע נישט פארברענגט. זי איז גלייך אהיימגעלאפן און געפונען איר מאן אין גארטן פארנט פון זייער הויז.

"יודל!" האט זי געסאפעט.

יודל האט אראפגעלייגט זיינע געצייג דערשראקן.

"האט עפעס שרעקליך פאסירט?" האט ער געפרעגט.

"יא, ניין, זיכער, זיכער נישט," האט מלכה צעמישט געענטפערט.

יודל האט זיך אראפגעזעצט, אביסל דערשראקן. "דערצייל מיר," האט ער שוואך געבעטן. ער האט נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן.

צווישן צוהאקטע זאצן איז די מעשה ארויסגעקומען.

"און אויב מיר ווילן נאך עפעס טון, דארפן מיר עס טון יעצט, אייגענטליך פריער. יודל, מיר מוזן ראטעווען יוסף."

דער טאטע האט זיך פארטראכט. א טרער איז ארויס פון זיינע אויגן.

"מלכה, ווער נאך ווי דו ווייסט ווי שטארק מיין הארץ זארגט פאר יוסף און ווי שטארק איך וויל זיין טובה. וואס זאל איך אבער טון אז א בילעט קיין סאוט אמעריקע קאסט אזוי טייער?"

"און ווי דו ווייסט דאך, מוטשען מיר זיך צו לייגן ברויט אויפ'ן טיש. וויאזוי איז עס דען מעגליך? וויאזוי קענען מיר זיך עס ערלויבן?"

מלכה האט זיך פארטראכט. איר הארץ איז געווארן פארקלעמט. צוליב אפאר דאלער וועט איר זון נישט זוכה זיין צו בלייבן א איד?

ניין, דאס קען נישט זיין. זי האט שנעל געטראכט.

"יודל, איך האב נאך צירונג פון די חתונה. איך גיי עס פארקויפן."

דער טאטע האט איר אנגעקוקט שאקירט. "ביסט זיכער?" ער האט געקענט זיין ווייב. זי האט דאך ליב געהאט די שיינע צירונג.

"זיכערער ווי זיכער!" האט מלכה אויסגעשריגן, "ווער דארף געלט? ווער דארף צירונג? איך דארף אידישע דורות."

אזוי רעדנדיג האט זי אויפגעזוכט איר צירונג און איז שנעל שנעל געלאפן צום גאלד סוחר.

דער גאלד סוחר האט זיך געוואונדערט צו טרעפן ר' יודל'ס ווייב אין זיין געשעפט. ער האט דאך געוואוסט אז זיי האבן נישט קיין איבעריגע פרוטה.

"איך וויל פארקויפן מיין צירונג, אבער ווי שנעלער," האט פרוי וואנקער געבעטן.

דער גאלד סוחר האט געהויבן די ברעמען. עס איז נישט א יעדן טאגיגע ערשיינונג אז א פרוי וויל פארקויפן איר צירונג, און זיכער נישט אונטער דרוק און שנעל.

'ווייזט אויס עפעס דרינגענד פאסירט דארט,' האט ער געקלערט צו זיך, אבער זייענדיג אן איידעלער האט ער גארנישט געפרעגט, נאר איר אפגעגעבן די סומע וואס די צירונג איז ווערד, און מיט לייכטע טריט איז מלכה ארויס.

מלכה איז ארויס פון דעם צירונג סוחר מיט א בינטל געלט. זי איז טאקע געווען ארים פון צירונג אבער רייך אין אייביגע גליק. אירע טריט זענען געווען לייכט.

געשוואונד איז זי געגאנגען צום פארט אפיס, וואס איז געווען בערך פופצן מינוט צו גיין פון זייער דערפל. דורך שטעגן און וועגן האט זיך מלכה געשלעפט. זי האט נישט געשפירט די רעגן און נישט די קעלט. א ווארימקייט האט זיך צעשפרייט אין אירע גלידער. "יוסף וועט נישט דארפן גיין אין מיליטער."

אזא זכות!

ווי נאר זי איז אנגעקומען צום אפיס האבן איר די באאמטע אפגעשטעלט. "אנטשולדיגט, אבער די אפיס שפארט זיך אצינד."

מלכה האט געשפירט ווי זי טראגט עס נישט אריבער. זי האט געמיינט אז אט אט און זי חלש'ט דא אינעם פארט.

"אייבערשטער," האט זי שטיל געשעפשעט, "האסט מיר געברענגט ביז אהער, העלף מיר ווייטער. טאטע, נאר דו קענסט מיר העלפן, פתחו לי טאטע, מאך מיר אויף די טיר."

ווי א הימלישע האנט האט זיך באוויזן, זעט פלוצלינג מלכה ווי דער טויער עפנט זיך און אן אפיציר זאגט, "שנעל מיסעס, ערלעדיגט וואס איר דארפט ווייל מיר ווילן שפארן."

מלכה האט אויפגעהויבן אירע אויגן מיט דאנק צום באשעפער און איז שנעל צוגעגאנגען צום טישל.

**דער גאלד סוחר האט געהויבן די ברעמען. עס איז נישט א יעדן טאגיגע ערשיינונג אז א פרוי וויל פארקויפן איר צירונג, און זיכער נישט אונטער דרוק.**

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*




# צען מכות אין שולע

אסתי טוט זיך אן אירע נייע פאר שיך, ווי אויך איר נייעם טיטל מרת גרויס.

זי האט היינט באקומען א נייעם נאמען. זי איז שוין נישט פשוט אסתי, זי איז מרת גרויס, זי איז מעכטיג. זי גייט אריינגיין אין א קלאס און האבן די אויבערהאנט פאר דריי שעה. מען האט איר גערופן זיין א סאבסטיטוט.

אזוי שטייענדיג ביים טיר האט מרת גרויס שוין געפילט ביי זיך זייער זייער קליין. זי האט גלייך אנגעהויבן מאכן טיטלען אין איר מח, "דאס איז די קלוגע, דאס איז די זיסע, דאס איז די נארישע, און יענע דארט פונקט אינמיטן איז גאר גאר dumb (נישט קלוג)."

קוים טרעפט זי זיך אין פארנט פון דעם גרויסן ברוינעם טיש, און ס'גייען קולות אין דעם קלאסרום. זי טראכט צו זיך, 'איך פארשטיי נישט, ווי וואגן זיך די מיידלעך אזוי צו שרייען, זעען זיי נישט אז מרת גרויס שטייט דא פארענט פון דער קלאס? פארוואס רעדן זיי?'

און דאן קומט איר אריין די מיליאן דאלערדיגע קשיא: 'וויאזוי מאכט מען זיי שטיל, וואס טוט מען דא, וויאזוי געב איך זיך אן עצה?' מרת גרויס, גאר קליין-קעפלדיג, הייבט אן שושקענען "ס'מוז זיין שטיל אין דער קלאס," פרובירט זי. אבער מען האט איר אפילו נישט געהערט איבער די קולות.

זי פרובירט אן אנדערע עצה. זי רופט אויס הויך צו דער מיטלסטער

מיידל וואס זי האט שוין ביים טיר אפגעשטעמפלט אלס סתם נישט קלוג, "דו זאלסט שוין ווערן שטיל, און אז איך הער נאך אייןווארט גייסטו ארויס פון קלאס!"

איך ווייס נישט ווער ס'איז מער דאם, מרת גרויס, אדער די מיידל וואס איר פנים איז יעצט געווארן רויט ווי דם. אלע מיידלעך האבן זיך געוואלט אננעמען פאר די רעכטן פון דער מיידל, וואס איז שוין יעצט געווען נישט אזוי דאם מיט שכל, נאר רויט ווי די בלוט וואס איז געקומען צו איר פנים. זיי האבן העכער אנגעהויבן שרייען אז ס'איז נישט גערעכט, און זיי האלטן נישט היינט ביים לערנען. זיי ווילן שפילן א שפיל וואס הייסט 'שייכות'.

אבער מרת גרויס האט אנגעהויבן שרייען נאך העכער "שטיל, שטיל, שטיל!" זי האט געהעכערט איר שטימע מיט יעדן מאל וואס זי האט עס געזאגט. אבער עס האט נאר געארבעט ווי די קלעפ פון די גרויסע פראש אין מצרים וואס איז ארויסגעקומען ביים ברעג ים.

מיט יעדן קוויטש וואס מרת גרויס האט ארויסגעגעבן, האבן די מיידלעך געשריגן נאך העכער און מיט מער טענות אין איר ריכטונג. עס האט איר אנגעהויבן קראצן אין די אויער ווי זי וואלט געליטן פון א שטארקער אויסברוך פון לייז. זי האט נישט געקענט פארנעמען די קולות וואס זענען געקומען אין איר ריכטונג. זי קלאפט צוזאם אירע צוויי הענט איבער אירע אויערן און פרובירט אויסצומיידן די קרעציגע קולות וואס די מיידלעך שיסן צו איר.

דאסמאל איז זי אויפגעקומען מיט א מורא'דיגן געדאנק איינצושטילן די קלאס.

"עטס זענטס חיות!" האט זי אויסגעשריגן פון גרויס פארלוירנקייט. "וויאזוי קען זיין אז ווארלע אידישע מיידלעך שרייען און שפרינגען אזוי ארום אין א קלאס בשעת עס שטייט דא מרת גרויס? פארוואס זיצן ענק נישט אויף ענקערע פלעצער און הערן זיך איין צו די לימוד וואס איך וויל ענק היינט אויסלערנען? איך בין קיינמאל אין אזא קלאס געווען בעפאר!" (טאקע זי איז נישט געווען אין אזא קלאס ווייל זי האט נאך קיינמאל נישט געפירט א קלאס און זי האט נישט די מינדסטע השגה וויאזוי מ'פירט א קלאס). "אזעלכע חיות האב איך נאך קיינמאל נישט געזען!" אויף דעם האבן זיך די מיידלעך גאר שטארק צוגעכאפט און אנגעהויבן נאכמאכן די קולות פון אלע חיות. איינע איז געווארן א לייב און אנגעהויבן שרייען, א צווייטע איז געווארן א מאנקי און אנגעהויבן קריכן, א דריטע איז געווארן א טיגער און אנגעהויבן לויפן, א פערטע איז געווארן א קראקאדייל און אנגעהויבן ברומען און קריכן צו איר טיש.

מרת גרויס איז געווען אינגאנצן פארלוירן - זי האט זיך געשפירט ממש אין א זו.



פלוצלינג איז אראפגעפאלן אין די קלאס א שטילקייט. די אלע שפרינגעדיגע חיות זענען געפאלן אויף זייערע זיצן ווי ס'וואלט זיי באטראפן א מארד. עס האט געהערשט א דיקע שטילקייט פון וואס מ'האט געקענט הערן דעם זייגער זיך רוקן. מרת גרויס קוקט זיך אום, נישט גלייבנדיג איר גוטע מזל. זי הייבט אן ארויסצונעמען אירע פאפירן, ווילנדיג פארלערנען אביסל פון וואס מ'האט איר איבערגעגעבן צו לערנען מיט די מיידלעך אין דעם טאג.

אבער נאך איידער אירע צעטלעך זענען ארויסגעקומען, זעט זי ביים טיר די מנהלת. זי האט אלעס פארשטאנען און איז אויך אנידערגעפאלן אין איר בענקל, פארשעמטערהייט. זי האט אפילו נישט געדארפט פרובירן טרעפן איר שטימע פון בושה, ווייל די מנהלת, וואס האט אלעס מיטגעהאלטן, איז אריינגעקומען גרייט צו איבערנעמען.

מיט ציטערדיגע בליקן, וואס האבן געגאסן אייטער פון זיך, האט זי געווינקען פאר מרת גרויס זיך ארויסצוזען וואס פריער פון אירע באגאסענע בושות פון failing אלס א סאבסטיטוט.

ביים טיר נאך, האט זי שוין געהערט די "היישעריגע" אפזיפצן פון די מיידלעך און מנהלת, פאר'ן לויז ווערן פון אזא אנשיקעניש.

עס איז שווארץ און טונקל געווארן פאר מרת גרויס, באגאסן פון קאפ ביז פיס מיט הייס און קאלטס, טונקל און שווארץ. זי האט געשפירט דעם טויט פון גרויס בושה.

## "עטס זענטס חיות!" האט זי אויסגעשריגן פון גרויס פארלוירנקייט. "וויאזוי קען זיין אז וואוילע אידישע מיידלעך שרייען און שפרינגען אזוי ארום אין א קלאס?"

מיט איר גרויס גאווה האט זי אפגעיאגט פון שטח, נישט ווארטנדיג עס זאל איר דערוועקט ווערן דעם מכת בכיות (בכורות) ברבים.

פארוואס זאל מען ליידן אזויפיל?

פרעה מיט זיין פארשטינקענע גאווה האט איינמאל און נאכאמאל געזאגט: "ניין, די מכה קענען מיינע כישוף מאכערס אויך נאכטון." ביז ס'איז געקומען די צייט וואס ער האט מודה געווען אז 'אצבע אלוקים הוא', דאס קומט יא פונעם אייבערשטן.

אבער דאך האט אים זיין גאווה געשטופט ווייטער, ביז ער האט געפילט די טויט אויף זיין אייגענער הויט, אז ער גייט שוין אט שטארבן אלס בכור, איז ער געלאפן זוכן דעם צדיק משה רבינו, און געשריגן: "גייט ארויס פון דא, אבער לאזט מיך לעבן, איך האב גענוג געליטן, איך בין מודה אז איר האט א גאט, וואס איז נישט ווי קיין שום אנדערע אפגאט, און קען אלעס טון, ער וועט אייך ארויסנעמען פון מצרים, צי איך בין יא אדער נישט מסכים!"

לאמיר מסכים זיין צום אייבערשטנ'ס פלענער גלייך. לאמיר זיך אונטערבייגן צום אייבערשטן ביים ערשטן ווארענונג, דורכ'ן אויסהערן דעם קול הצדיק און זיך אומקערן אויפ'ן גוטן וועג.

און אויב האלסטו שוין ביים ערשטן קלאפ וואס קומט אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, לאמיר זיך אונטערבייגן דאן ביים ערשטן קלאפ, וועלן מיר נישט דארפן דורכגיין צענדליגע שווערע מכות, זיך ראנגלען מיט אלע סארט פיזישע און גייסטישע פראבלעמען, קרענק, און פיל מער צרות.

לאמיר אנערקענען ווער איז אונטער די מכה. עס איז אצבע אלקים הוא. יעדע זאך וואס פאסירט אין מיין לעבן איז פונעם אייבערשטן אליין, און אויב מען אנערקענט עס, מ'נעמט עס אן באהבה, און מ'קערט זיך צוריק מיט תשובה, דורך הערן, גלייבן, און פאלגן דעם הייליגן רבינ'ס עצות, וועלן מיר נישט דארפן ליידן מער. מיר וועלן לעבן באפרייט. עס וועט אונז ליכטיג ווערן אין דעם פינסטערן דור, און מיר וועלן זוכה זיין ארויסצוגיין ברכוש גדול.

# געמאלן

## א מעשה פון תפלה




געמאלן: רבקה וועבערמאן תחי'

שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




צוויי פריש קאלומ׳ס




יארצייט פון די וואך

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## איך בין די מאמע

פון ווען איך בין זייער קליין האב איך אלעמאל ליב צו שפילן אויף א שפיל. איך האב ליב זיך צו מאכן ווי איך בין א באבע, א געשעפטס-מאן, א מנהלת, א בעיבי.... אייגנטליך וואס נישט? מיין מאמע און מיינע שוועסטערס זאגן מיר אלעמאל אז ווען איך וועל זיין אין הויך-שול וועל איך זיכער באקומען די הויפט ראלע אויף אונזער סקול שפיל. אפשר? זייער מעגליך! אבער פאר מיר איז די שפיל נאך זייער ווייט אוועק און ווי די וועלט זאגט, "ביז צו די קרעטשמע דארף מען אויך א טרינק ברוינפן". איך וויל נאך אויך זיין אויף א שפיל פאר איך קום אן צו הויך-שולע.

מיין חלום איז שיעור פארווירקליכט געווארן ווען מיין לערערין האט איין טאג אויסגערופן אז מיר גייען מאכן א שפיל אין קלאס.

איך בין געווארן אזוי פרייליך און זיך צוגעהערט צו די מעשה. אויפן פלאץ האב איך באשלאסן אז איך וויל זיין די מאמע. עס איז געווען פונקט גוט פאר מיר. מען האט עס געדארפט שפילן געפיליש און שיין און איך האב דאס גוט געקענט. איך האב נאר נישט געוואוסט אויב מיין לערערין ווייסט ווי גוט איך קען שפילן. דערפאר איז מיר בייגעפאלן אן עצה. איך האב באשלאסן צו שרייבן א בריוו צו די לערערין. די אינהאלט דערפון איז געווען אזוי:

*טייערע לערערין,*

*איך ווייס אז מען דארף זיין צופרידן מיט וואס מען באקומט אבער איך וויל אזוי שטארק זיין די מאמע. איך מיין אז איך בין זייער געלונגען פאר די ראלע און איך בעט אייך דעריבער, ביטע, איך וויל זיין די מאמע.*

*יישר כח פון פאראויס,*

*רבקי*

איך האב צוגעלייגט די בריוו צו א פארהער און דערוויל האב איך געקלערט פון נאך וועגן וויאזוי צו פארזיכערן אז איך זאל באקומען די ראלע. ביינאכט אין בעט בין איך אויפגעקומען מיט א גוטע איינפאל. איך בין ארויסגעלאפן פון בעט און געבעטן מיין מאמע זאל מיר אויסהערן.

"מאמי, דו ווייסט ווי שטארק איך וויל זיין די מאמע פון אונזער שפיל אין סקול. אפשר איז כדי דו זאלסט רופן מיין לערערין און איר בעטן?"

פארשטייט זיך אז איך האב איר נישט פארציילט אז איך האב היינט געשריבן די צעטעלע. מיין מאמע האט געזען מיינע בעטנדיגע אויגן און צוגעשטימט. איך האב



זיך זייער געפריידט און איך בין צוריק אריין אין בעט.

אבער איך בין נאך אלץ נישט געווען פארטיג. מיין שכנ'טע'ס שוועסטער איז א גוטע חבר'טע צו מיין לערערין. די נעקסטע טאג האב איך אריינגעקלאפט צו זיי און געבעטן צו רעדן צו זייער גרויסע שוועסטער.

ווען זי איז צוגעקומען צו די טיר, האב איך איר מסביר געווען ווי וויכטיג עס איז פאר מיר אז איך זאל זיין די מאמע ביי אונזער סקול פלעי (שפיל) און איר געבעטן זי זאל בעטן איר חבר'טע, לערערין ווייזער. זי האט געשמייכלט צו מיר און צוגעזאגט צו רעדן צו איר דערוועגן.

מיטוואך ווען מען האט אויסגערופן די ראלעס בין איך געזעצן רואיג און מיט א שמייכל. איך בין זיכער געווען אז איך בין די מאמע. איך האב געשמייכלט זיס צו די לערערין און געווארט צו הערן "רבקי איז די מאמע!"

אבער איך האב געווארט אומזיסט!!

"שיינדי טאבאק, מאמע!" האט די לערערין אויסגערופן. איך האב געוואלט

**איך האב געוואלט אויפשפרינגען. עס קען נישט זיין! איך האב אזויפיל פרובירט. איך האב אלעס געטוען. איך האב אזויפיל פראטעקציע אויסגענוצט.**

אויפשפרינגען. עס קען נישט זיין! איך האב אזויפיל פרובירט. איך האב אלעס געטוען. איך האב אזויפיל פראטעקציע אויסגענוצט. איך בין אויך געווען באליידיגט. אבער נאכדעם האב איך געטראכט אז מן הסתם האט שיינדי געטוען בעסערע עצות ווי מיר. 'אפשר איז איר מאמע א חבר'טע מיט די לערערין'ס מאמע?' האב איך געטראכט און נאכדעם האב איך זיך שוין גערעגט, 'עס איז נישט יושר. מען גיבט א ראלע פאר א מיידל נאר ווייל איר מאמע איז א חבר'טע מיט די לערערין'ס מאמע?' נאכדעם האב איך זיך אליינס אויסגעלאכט ווי נאריש איך בין! איך מאך חשבונות און איך רעג זיך שוין אפילו... און... איך האב דאך אויך פרובירט צו טוען די זעלבע!

איך האב באשלאסן אז איך מוז הערן פון שיינדי וואס זי האט געטון מער פון מיר צו באקומען אט די גאלדענע ראלע. איך האב קוים איינגעהאלטן מיינע טרערן, און ווי נאר די גלאק האט געקלינגען בין איך געלאפן צו שיינדי און איר געפרעגט, "שיינדי, וואס האסטו געטוען צו באקומען די "מאמע חלק" ביי די שפיל?!"

שיינדי האט מיר געענטפערט זייער פשוט, " איך האב געבעטן דעם אייבערשטן!"

איך האב אראפגעקוקט זייער פארשעמט. איך האב אלעס געטוען, אלעס פרובירט, אבער איך האב פארגעסן פון דער עיקר, איך האב פארגעסן צו בעטן דעם אייבערשטן!! וויאזוי האב איך עס פארגעסן?!

שנעל, איידער איך פארגעס נאכאמאל, האב איך שנעל געבעטן, "באשעפער העלף אז איך זאל קיינמאל נישט פארגעסן דיר צו בעטן "יעדע" זאך פון מיין לעבן און איך זאל געדענקען אז נאר דו קענסט מיר העלפן, און נאר דיר לוינט צו בעטן!"

# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **הייליגן באבא סאלי זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **דער הייליגער בעל התניא זי"ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה





געווינער פון פארגאנגענע וואך: **חי'לע לאנדא**

# יאָרצייט

המקובל רבי
## שלום שרעבי
זי"ע

יארצייט:
י' שבט

עס איז שׁפּעט בּײַנאַכט. מען זעט נישׁט קיין מענטשׁן זיך דרייען איבּער די גאַסן פון אַלט-שׁטאָט. אַלעס איז פאַרזונקען אין אַ טיפן שׁלאָף. יעדער שׁעפּט זיך אָן מיט כּחות פאַר דעם מאָרגנדיגן טאָג.

פּלוצלונג הערן זיך שׁטילע טריט וואָס גייען שׁנעל, שׁנעל. ווער גייט? וואו גייט ער? דאָס איז דער הייליגער צדיק, המקוּבּל רבּי שׁלום שׁרעבּי זצ"ל. ער גייט שׁנעל און שׁטיל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ און מתפּלל זיין פאַר אידישׁע קינדער. ער גייט צום כּותל המערבי צו בּעטן דעם אייבּערשׁטן אַז משׁיח זאָל שׁוין קומען און אַלע אידן זאָלן זיין ערליכע אידן.

ווי נאָר דער צדיק קומט אָן צום כּותל, בּרעכט ער אויס אין אַ יאָמערליך געוויין. אַ געוויין פון תּפלה און התבּודדות צום אייבּערשׁטן.

אַזוי שׁטייט דער צדיק און גיסט זיך אויס דאָס האַרץ צום בּאַשׁעפער, ווען זיין קול הערט מען ווייט ווייט, ווייל בּײַנאַכט גייט אַ קול גאָר ווייט. די שׁלעכטע אַראַבּער פון דער געגנט וועקן זיך פּלוצלונג אויף צום קול פון געוויין. ווער וויינט דאָ? וואָס זענען די קולות?

זיי קומען אַרויס פון זייערע הייזער און גייען נאָך דעם קול. "אָהּ," זאָגט זשׁאַמוּל פאַר זיין חבר, "דאָס זענען די אידן! שׁוין ווייטער! מיר דאַרפן זיי אָפּשׁטעלן פון קומען צו דער הייליגער וואַנט, זיי זאָלן מער נישׁט קומען און דאַווענען דאָ."

די צוויי שׁלעכטע אַראַבּערס האָבּן געקריצט מיט די ציין. עס איז שׁוין אַ לאַנגע צייט וואָס זיי דרייען זיך דאָ יעדן טאָג, און ווען זיי זעען אַ איד וואָס קומט און וויל זיך אויסוויינען און מתבּודד זיין בּיים כּותל, וואַרטן זיי אים אָפּ מיט שׁטעקענעס און מעסערס און ווילן אים שׁעדיגן רח"ל.

יעצט זענען זיי געוואָרן זייער בּייז אַז דער איד האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינמיטן די נאַכט. מיט זייער שׁלעכטע אַכזריות האָבּן זיי זיך אָפּגעשׁמועסט אַז מאָרגן ווילן זיי דינגען אַ פאַר שׁלעכטע אַראַבּערס וואָס ווילן אָפּוואַרטן דעם איד, און אויבּ ער קומט נאָכאַמאָל ווילן זיי אים ח"ו הרג'ענען.

אינדערפרי זענען די צוויי חברים געגאַנגען צו אַנדערע אַראַבּערס און זיי געגעבּן אַסאַך געלט און זיי געזאָגט שׁטילערהייט אַז היינט נאַכט זאָלן זיי אָפּוואַרטן דעם איד און אים ח"ו הרג'ענען. די אַראַבּער האָבּן גערן מסכּים געווען דערצו און זיך געגרייט צו הרג'ענען דעם צדיק יענע נאַכט.

עס איז שׁפּעט בּײַנאַכט. גאַנץ אַלט-שׁטאָט ירושׁלים שׁלאָפט, חוץ דער צדיק און אויך די פּאָר אַראַבּער וועלכע האָבּן זיך געגרייט אים צו הרג'ענען.

דער צדיק גייט שׁטיל און שׁנעל צום הייליגן פּלאַץ. ער בּאַמערקט ניטאַמאָל אַז אין די זייט שׁטייען אַ פּאָר אַראַבּער און בּאַטראַכטן אים. דער צדיק הייבּט אָן מיט זיינע תּפילות און תּיקון חצות, און בּאַלד הערט זיך זיין קול פון תּפלה איבּער די גאַנצע געגנט. די צוויי אַראַבּער וועקן זיך ווידער אויף. וואָס גייט דאָ פאַר? פאַרוואָס האָבּן די געדינגענע אַראַבּער נישׁט געטון זייער אַרבּעט און גע'הרג'עט דעם איד?

בּיז דערווייל האָט דער צדיק געענדיגט דאַווענען און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג אַהיים. ער האָט בּאַמערקט אַ פּאָר אַראַבּער שׁטייען אַזוי פאַרקלאָצט און קוקן אויף אים, אָבּער דער צדיק האָט נישׁט געגעבּן אַן עקסטערן בּליק.

דעם נעקסטן אינדערפרי, לויפן די צוויי אַראַבּער אַרויס צו די הייזער פון די געדינגענע רוצחים און האַקן אויפ'ן טיר. "וואו איז דיין טאַטע?!" שׁרייען זיי מיט כּעס. אָבּער דער יונגער אַראַבּער וואָס האָט געעפנט די טיר זאָגט אַז ער ווייסט נישׁט. זיין טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען נעכטן בּײַנאַכט און איז נישׁט צוריקגעקומען.

די צוויי אַראַבּער וואונדערן זיך וואָס איז געשׁען. דאַן האָבּן זיי בּאַשׁלאָסן אַז זיי ווילן גיין צו דעם פּלאַץ וואו מען האָט געדאַרפט הרג'ענען דעם צדיק. זיי קומען דאָרט אָן און זעען אַ שׁרעקעדיגע זאַך. די געדינגענע אַראַבּער שׁטייען דאָרט ווי קלעצער, ווי אַ שׁטיק ליים. זיי רירן זיך נישׁט. זיי ענטפערן נישׁט אויף קיין

שְׁאֵלוֹת. זֵיי זֶענֶען אַזוֹיוִוי אַ שְׁטִיק הָאלְץ.

דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז גֶעשֶׁען אַ שְׁטְרָאף פַאר זֵיי פוּן הִימְל וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ הֵיילִיגְן אִיד. אָבֶּער וואוּ אִיז דֶער אִיד אוּן וֶועמֶען דַארְף מֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן? קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוָוארְן גֶעלֶעמְט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוּן בֶּעטְן מֶען זָאל זֵיי הֶעלְפְן. זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ דִי אִידְן אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה. דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ שְׁנֶעל פַארְשְׁפְּרֵייט צוּ דִי אִידְן אוּן אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק רֶבִּי שָׁלוֹם שְׁרֶעבִּי זצ"ל.

אִין אֶמֶת'ן הָאט דֶער צַדִיק נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז דִי נֵס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ אִים, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִידוּשׁ הַשֵּׁם דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר יָא אַרוֹיס צוּ דִי אַרַאבֶּער.

דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן אִים צוּגֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען קַיין שׁוּם אִיד. דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער צַדִיק צוּרִיק צוּם כּוֹתֶל הַמַּעֲרָבִי אוּן הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גוֹיִם זָאלְן אָנְהֵייבְּן זִיךְ צוּ קֶענֶען רִירְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער צַדִיק אַרִיבֶּער צוּ דִי גוֹיִם אוּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ רְפוּאָה. אִין יֶענֶע מִינוּט זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעוָוארְן וִוי גֶעהֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִיק אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען.

מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ גוֹי קֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּענֶען אַ אִיד אֲפִילוּ עֶר וִויל. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט אוֹיף זַיינֶע אִידְן, אוּן אַז אַ אִיד קוּמְט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.



# קליין און שיין


אדי פערל


אושי קרויס – בית שמש


אליעזר שלמה שניצלער


גיטי ראטה


דינה יאקאבאוויטש


גאלדי שניצלער


חי אסתי היילפרין


חי אסתר יאקאבאוויטש – ברית מילה


ואליש ראטה


שלמה און מענדי סאלז



משפחת אפעלבוים



משפחת אפעלבוים



אדי אינדארסקי



אושי און חני קרויס – בית שמש



הינדי יאקאבאוויטש



חני אפפעל



מרדכי בנציון לעווי



שלמה און חיים בוים



אליעזר שלמה שניצלער



משפחת צוויבל



סימי בלעדי



רחל'ע זאבעל

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ממממם...**

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא"ש האט געזאגט: "ווער ס'שניידט אפ די פיאות שניידט אפ זיין שכל!"

## בּרסלבּ'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין א ____ ____, און נישט סתם א ____ ____ נאר אזוי ווי איך מיין א ____ ____**

א. גרויסע צדיק
ב. ערליכע איד
ג. דבוק בשם
ד. פשוט'ע איד

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

פינף ספרים האט דער הייליגער רבי אונז איבערגעלאזט

## געב א שמייכל

**פארוואס דארף מען קומען צו לויפן אין בעט אריין? (חוץ ווען די מאמע הייסט...)**

צו, כאפן א דרימל...

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה – חלק שני**

**ג. אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה מוֹפְתִים, אֶלָּא לָזֶה שֶׁהוּא מַאֲמִין בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין מוֹפְתִים נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועלְטְן.